12-2

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 4 (העפט 123 עלפטער יאָרגאַנג אַפּריל 1950 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:


דאָס צענטע יאָר פון יידישע העפטלעך........................** 1
דאָס גאָלדענע ציגעלע, אַ טוץ פסחדיקע וואורשטן כאָטש אויף
בלינד........................................א. נ. שטענצל 8
אַזוי טרויעריק.................................בן אמוץ 10
אַ בילד: דער דיכטער אריה שדמי........................... 15
יידיש לשון מאַמע לשון..........................יוסף הלל לעווי 16
קאַראַוואַנען, (פּאָעמע)..........................אריה שדמי דן 18
טרייסט...................................משה עובד 24
עולה רגל זיין.................................א. נ. ש. 26
אַ טרער. ס׳זינקט די זון..........................א. פלוני 29
דער מאָדעל....................................לעאָ קעניג 30
רייזע איינדרוקן פון קאָנטינענט..................יוסף הלל לעווי 33
תימנער יידן האָבן אַ יום טוב..................נסים ראצאבי יאאיש 37
דעם ריטערס שפּיגל.............................ס. פאלמע 39
אין אָוועגט שעה..............................ש. זאלקין 40
ריטער אָן מורא און טאַדעל......................אליהו פאלושאק 41
כ׳בין גליקלעך.................................א. מייטוסי 43
דערציילונגען פון „טעג אזעלכע“...................הערש שישלער 44
אַ ביסעלע פּאָלעמיק............................מ. אלמאן 45
באַגריסונגען, רעדאַקציע נאָטיץ און מיטיילונגען איבער די קומענדיקע
שבת נאָכמיטאָגס........................................ 48


**פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**

אבאָנעמענטס-פּרייז:—19/6 פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד:—5 דאָלאַר אַ יאָר

1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער


*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

**CAMEO CORNER**

**ALMANAC OF JEWELS**

**exhibited monthly in the main window**

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Curios.* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*Manufacturers of*

*Knitted Goods and Sportswear*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**



*Published and Edited by* A. N. Stengl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press,* 129-131 *Cavell St., London, E.1*

## צו אונדזערע אבאנענטן, לייענער און פריינט

מיר דריקן נאָכאַמאָל איבער דעם אויפרוף צו אונזערע לייענער און אָבאָנענטן, און אין דעם חודש איז ער נאָך דרינגנדיקער, ווייל מיר געפינען זיך ממש אין אַ קריטישער לאגע.

## אן עס-א-עס-רוף צו אונזערע פריינט

דאָס ערשטע מאָל זייט דעם עקזיסטענץ פון אונזער זשורנאַל ווי מיר שיקן אַרויס אַ בריוו צו אונזערע פריינט, זיי זאלן זיך באַטייליקן אין אַ געוויסן באַשטייער, בכדי דער זשורנאל זאל קאָנען ווייטער דערשיינען רעגעלמעסיק, אין דער פאָרם און גרויס לכל-הפחות ווי ביז אַצינד.

בעטן מיר אונזערע חשובע פריינט, וועלכע וועלן באַקומען אַזאַ צוגעשיקטן בריוו, באַלד צו רעאַגירן און זיך נישט באַציען גלייכגילטיק צו אונזער בקשה, וואָרים עס איז ממש אָפּהענגיק דער ווייטערער עקזיסטענץ פונם זשורנאַל לויט דעם, ווי אונזערע פריינט, וועלן זיך אָפּרופן אויף דעם אויפרוף-בריוו, וועלכן מיר שיקן איצט ארויס

דער ענטשלוס דערצו איז אונז נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט, אָבער „נויט ברעכט אייזן", און מיר האָבן קיין אַנדערע ברירה נישט געהאט ווי זיך צו ענטשליסן אויף דעם לעצטן, וואָרים וועט דער זשורנאַל, לשון און לעבן" אונטערגיין, וועט אונזער יידיש גייסטיק לעבן דאָ אין אונזער! שוין געננג אָרעמען און פאַרבלאָזן יידישן ישוב, זיין נאָך שפלדיקער און נאָך גרויער.

און דערביי דערמאנען מיר נאכאמאל אונזערע חשובע אַבאָנאַמענטן

„אויב דער סעקרעטאר שיקט אַרויס אַ מאָן-בריוו, זאל מען תיכף צושיקן דעם אַבאָנאַמענטן-אָפּצאָל!" אַ טייל פון אונזערע פריינט טון דאס און מיר זיינען זיי זייער דאנקבאר — טאקע אַ דאנק זייער פאראנטוואָרטלעכקייט און פינקטלעכקייט איז נאָך די מעגלעכקייט וואָס דער זשורנאל דערשיינט דאך יעדן חודש רעגלמעסיק, טראָץ אלע אומגעהויערע שוועריקייטן.

מיר האלטן אז דער זשוראנל „לשון און לעבן" איז וויכטיק פאר אונזער ישוב, און מיר ראנגלען זיך מיט די לעצטע כוחות אים ווייטער אָנצוהאַלטן. זאלן פריינט פון יידישן וואָרט, לייענער פונם זשורנאל, לכל הפחות, נישט זיין נאַכלעסיק אינם איינצאלן דעם יערלעכן אַבאָנאַמענט! און די ווידער, וועלכע ווילן אים נישט האבן, — אויס וואָסערע מאטיוון עס זאל נישט זיין! — זאָלן אַזוי־פיל אחריות אין זיך האבן אונז מיטצוטיילן אים אָפּצושטעלן.

וויסנדיק אונזערע שוועריקייטן, וועט איר פארשטיין דעם אַזוי דרינגנדיקן, קלארן און אָפענעם בריוו.

די רעדאַקציע.

**אין אלע ענינים, אָנפראַגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענרן אויפן אַדרעס פון אונזער סעקרעטאר:**

N. RUBIN, 193 Evering Road, Upper Clapton, E.5.

**ווערט א מיטגליד פון פריינט פון יידיש לשון!**

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפט 123) עלפטער יארגאנג אַפּריל 1950 לאָנדאָן


## דאס צענטע יאר פון יידיש-העפטלעך

### און 4 יאָר פון דער זשורנאל „לשון און לעבן"

1

אין יענע יאָרן, ווען דאָס יידישע לעבן אין גאנץ אייראָפּע איז אָפּגעגאנגען אין טייכן פון בלוט און דאָ, אין ענגלאנד, איז עס געשטאנען, פאַרפלייצט און אַוועקגעשווענקט צו ווערן, אין מיטן שטורעם-געוויטער פון מלחמה, דעמלט, אין אונזער מעכטלאָזיקייט און אומבאַהאָלפנקייט, האָבן מיר זיך אָנגעכאַפּט און פעסטגעהאלטן, ווי אין אַ שטרוי אין דעם מאָגערן ליריק-און צייט-העפטל.

די פארלאָזענע יידישע מאסע, וואָס איז געבליבן ווי אויפן וואַסער, דאָס אָרעמע ווייטשעפל, וואָס האָבן נישט געקענט עוואַקואירן איז געבליבן כצאן בלי רועה, האָט דערשפּירט די ליבשאפט, די אומבאַהאָלפענע באַזאָרגטקייט, וואָס ווייעט אַרויס פון די לידער-בלעטלעך, און יעדער פריש אַרויסגעגעבענער נומער איז געווען דאָס פרישע לינדע ווינטל אין די געשטאָפּטע שעלטערס, איבער די קעפּ פון די אויף גאָטס באַראָט פארלאָזענע.

אפנים, אַז לידער, ליריק איז צוגעפּאַסט פאר אַ גאָט-פארלאָזענער צייט — ווי האָבן דעמלט געהילכט די שעלטערס פון ענגלישן פאָלקס-ליד! זיינען „די העפטלעך" דעמלט געווען אַ מין יידישער מלחמה-סוראָגאָט? יעדנפאלס יעדע אויסגאבע איז צעכאפּט געוואָרן ווי מצה-וואַסער! עס איז נישט וויכטיק צי די אָנגעלאָפענע מאסע האָבן פארשטאנען די קורצע און פארשפּיצטע שורות... זיי האָבן זיי געלייגט אונטער די קאָפּנקישנס ווי „רזיאל-המלאכס" אין שעה פון סכנה!

אויך „די יידיש-ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס", וואָס זיינען געווען אַנאָנסירט אויף די לעצטע זייטלעך פון די העפטלעך, זיינען געווען פול געפּאַקט, כאָטש זיי זיינען אָפּגעהאלטן געוואָרן אין זאלן מיט הימל-פענסטער, גאָרנישט קיין געזיכערטע קעגן די כסדר פאלנדיקע באָמבעס — פון דעם לאַנגווייליקן און איינטאָגיקן שעלטער-לעבן איז עפּעס ווי אַ מין האַזאַרד אָנגעפאלן אויף די בירגעלעך האָראָפּאַשנע מענטשן: זאָל שוין זיין וואָס עס וויל, אַבי אַ יידיש-וואָרט נאָך אַריינכאַפּן!

באמת, די „מארשאלס", די בחורים פון ווייטשעפל, די „אָלדגייט באָיעס",

די שעלטער־נאַטשאַלסטוואָ דעמלט, האָבן געשפּילט די ראש־הקהלס, נישט ערגער ווי די פּירער פון דער יונייטעד און פעדערײשאָן און אַ וואָרט יידיש נישט צוגעלאָזן אין די „סאָשעלס" און „ענדזשוימענטס", וואָס זיינען אין די נעכט איינגעאָרדנט געוואָרן אין די שעלטערס...

דערנאָך, ווען סאָוויעט־רוסלאַנד איז אַריין אין דער מלחמה, האָט זיך דאָס יידישע לעבן דאָ, כמעט, ווי ווידער נאָרמאַליזירט. אַז די שרעק פאַרן אייגענעם ביסל לעבן, איז אויף אַ שטיקל צייט אַוועק, האָט זיך אָנגעהויבן גלויבן, אַז דאָס יידישע לעבן וועט דאָך דערשווימען צו אַ ברעג! לינקע גרופּעס „אַקטיוויסטן" האָבן זיך גענומען דרייען אַרום דעם „העפטל", און די אכט דינע זייטלעך מיט ליריק־און צייט־לידער, האָבן זיך גענומען אויסברייטערן צו אַ שטיקל זשורנאַל.

דער פּרינציפּ, דער באַזיס איז געווען: פּאַרטיילאָזיקייט! אַלע צוזאַמען, אַז מיר וועלן עס מיינען ערלעך, וועלן מיר קאָנען אויסטראָגן אַ זשורנאַלעכל; דער יידישער ישוב דאָ איז צו קליין, אַז יעדע פּאַרטיי זאָל זיך קאָנען לייסטן אַ ליטעראַרישן זשורנאַל. אלא, איר ווילט קעמפן? אַנו, טאָ זאָלן מיר זען ווער ס'איז שטאַרקער — — די קולות זיינען געגאַנגען עד לב השמים, — אַ נס וואָס דרויסן זיינען די באָמבעס געפאַלן האָבן זיך די געוואַלטן ביי די זיצונגען נישט אַזוי אָנגעהערט! — אָבער דאָס העפטל איז געבליבן אומפּאַרטייאיש.

און יעדער מאַנוסקריפּט, וואָס איז נאָר אָנגעקומען, אויב ער איז נאָר געווען, אויף וואָסער אופן, דרוקבאַר, איז עס געדרוקט געוואָרן. נישט איין נאַכט אָפּגעזעסן איבער פרעמדע לידער, די „צעשאָסענע" גלידער זייערע צוזאַמענצושטעלן, אויסצוגלייכן. עס זיינען געווען שווערע גראַנגל יאָרן! און אַז ס'נעמט זיך ווער די מי צו קריצלען יידישע אותיות, איז עס דאָך שוין געווען אַ יתרון!

עס האָבן געוואַקסן און זיך ענטוויקלט דאָ אין יענע יאָרן יידישע שרייבער און אויך פרישע זיינען צוגעקומען, — וואָרעם אויב אַ זשורנאַל טוט דאָס נישט, באַרעכטיקט עס נישט זיין עקזיסטענץ און ער גייט פון זיך אַליין אונטער, עס זיינען נישט פאַראַן די אַקטיווע און אינטערעסירטע כוחות וואָס טראָגן אים, — און איך בין געבליבן דער — „העפטל" פאַרקויפער!

די פראַגע, צי עס פּאַסט אַז אַ יידישער שרייבער זאָל שטיין אויף פאַרזאַמלונגען און פאַרקויפן אַ יידישן זשורנאַל איז נאָך אַלץ אַקטועל און ליגט נאָך ווי אַ ביין אין האַלדז ביי מאַנכע קולטור־טומלער און ליטעראַטור־פּאַליטיקאַנטן...

אמת, אויב דיכטעריי מיינט אַ שליאַפּע מיט אַ גרויסן קינסטלער שניפּס, פּאַסט עס טאַקע נישט; פאַרן שפּלות־געפיל פון אַזאַ שעפערישן מענטש וועט אַזאַ מלאכה־בזויה נישט זיין קיין קאָמפּענסאַציע... אָבער, אַז עס האַנדלט זיך אין לעבן און טויט פון יעדן פריש דערשינענעם נומער, און אַז דער געהאַלט פון אַ קאָלפּאָרטער אין אַ שטאָט ווי לאָנדאָן באַטרעפט מער ווי די גאַנצע אויסגאַבע פון אַ זשורנאַל מיטן האָנאָראַר פונם רעדאַקטאָר, בלייבט דאָך נישט



עפּעס אַנדערש איבער ווי צו פאַרקאַטשען די אַרבל — —

מיר האָבן אויך נישט די יוגנד, וואָס זאָל אַרומלויפן אויף פאַרזאַמלונגען און פאַרקויפן יידישע זשורנאַלן, וואָס דאָס האָבן אַלע פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך פאַר זייערע רעפּאָרטירטע רעפּאָרטער צייטונגלעך אין ענגליש און פאַר די „פּיקטשערס" פון זייערע מעצענאַטן.

שטיי איך מיר אַזוי צווישן דעם רוישיקן זאָרגלאָזן יונגוואָרג און פיל מיך אַ פיש אין וואַסער! און וויפל די אַלע 10 פאַרקויפערינס פאַרקויפן צוזאַמען, פאַרקויף איך אַליין 10 מאָל אַזויפיל. אויף זיי וואָרט נישט קיין דרוקער און שרייט: הב הב! און זייערע רעדאַקטאָרן לעבן נישט פון דעם פאַרקויף דאָ, זיי לעבן פון טשעקס... פיל איך, אַז יידיש איז נישט טויט, ווי די־אָ רעדאַקטאָרלעך שרייבן, איך פיל אַז יידיש לעבט, און נאָך מער איך מאַך אַ לעבן פון יידיש... יאָ, און איך האָב שוין אַפילו אַ ריין פּראַקטישן רעאַלן אינטערעס פאַר יידיש, ווייל עס איז מיין לעבן, מיין עקזיסטענץ...

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענעם אויגנבליק, ווען שלמה מיכאעלס (ווען ער איז דאָ געווען מיט פעפערן אין לאָנדאָן) האָט מיך געטראָפן שטיין דרויסן פאַר אַ גרויסן טעאַטער זאַל אין דער וועסט ענד (די פאַראַנשטאַלטונג איז געווען צו פאַרנעם, אַז מען זאָל אויך יידישע שריפטן קאָנען פאַרקויפן אין די קולאַרן און אין קאָרידאָר, די אַקטיוויסטן האָבן דאָרטן פאַרקויפט זייערע בראָשורן אין ענגליש — ערשט אויף דעם אינטערוועניִרן פון מיכאָעלסן האָבן זיי איבערגענומען דאָס העפטל דאָרטן צו פאַרקויפן, אָבער ביזן היינטיקן טאָג האָט מען נאָך יענעם פאַרקויף נישט אָפּגערעכנט...) איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענעם אויגנבליק און די ליבשאַפט וואָס האָט אונז ביידע אַרומגענומען, איינער צום אַנדערן, און צום יידישן וואָרט.

עס זיינען נישט וויכטיק די אַלערליי קלאַנגען מכוח מיכאָעלס טויט! אָבער איינס איז זיכער, מיכאָעלס איז געווען אַ גרויסער ייד און אַ שטאַרקער מענטשלעכער כאַראַקטער, און אויב יידיש גייט אונטער, אויב יידיש ווערט קאַלט געלייגט — איז זיין לעבן סיי ווי קיין לעבן נישט.

פעפער האָט מיר פאַרזיכערט דעמלט: שטענצל, מיין לעבן צי איך דאָך פון יידיש, איז עס דאָך ממילא אין מיין אינטערעס, אַז ס'זאָל עקזיסטירן. פעפער האָט דעמלט נאָך נישט געוווסט, אפנים, אַז אַזאַ מאַרקסיסטישער אינטערעס גענוגט נאָך נישט גאַנץ, בכדי אַ קולטור זאָל קאָנען לעבן בלייבן. און מיט פּאַרטייאישע הענט (וואָס פאַר אַ פּאַרטיי ס'זאָל נישט זיין!) זיך אונטער צו העלפן איז פּונקט, ווי מיט פרעמדע הענט אין אַש פייער צו שאַרן...

און מיכאָעלס און פעפער האָבן דעמלט מיטגענומען דעם גרוס פון דאָ צום סאָוויעטיש־יידישן ישוב, די פּאָר צענדליק העפטלעך, וואָס זיינען ביז דעמלט שוין געהאַט דערשינען! און ביים שלוס פון דער מלחמה זיינען עס אויך געווען די העפטלעך, וואָס זיינען אָנגעקומען אין די קעמפּס ווי די ערשטע בשורה־טובֿן! וועלכע זיינען אַרויסגעפּאָדערט געוואָרן, פון די כלערליי קאָמיטעטן. אין אַלץ גרעסערע קוואַנטומס. און ווען די פּוילישע דעלעגאַציע

איז אָנגעקומען, האָבן זיי נישט נאָר מיטגענומען אַ קאָמפּלעט פון די העפטלעך, נאָר אויך די אותיות פון די „לײנאָטײפּ״־מאַשין מיט וועלכע מען האָט די העפטלעך געדרוקט. און די פאַרבינדונג אונזערע בשעת און נאָך דער מלחמה איז געווען פון ניו יאָרק ביז שאַנכאַי, פון קאַנאַדע ביז קאַיראָ! און שפּעטער, ווען די העפטלעך האָבן זיך צעוואַקסן און כאָטש דער זשורנאַל איז בעיקר פאַרטראַכט געוואָרן פאַר לאָנדאָנער שרייבער, — בכדי אונזער ביישטייער, גרויס צי קליין, אָבער אים בייטראָגן פאַר דער יידישער ליטעראַטור, אַז דער פאַרביטערטער און העראָאישער גוראַל האָט זיך אָנגעהויבן אין ישראל און יידישע מאַנוסקריפּטן האָבן מיט אַמאָל אָנגעהויבן צו קומען פון דאָרט. (די יידישע זשורנאַלן וואָס זיינען איצט אין ישראל זיינען דעמלט נאָך נישט געווען.) האָבן מיר דעם פולן פּלאַץ זיי אָפּגעגעבן, ווייל מיר האָבן געוווּסט, וואָס עס הייסט אין טעג פון געפאַר אַ וואָרט אין די וועלט אויסצושרייען. פון די־אָ נויטווענדיקייט, פון דעם דראַנג, אויפצושרייען אין שעה פון שרעק און געפאַר איז דאָך בכלל געווען דאָס גאַנצע ענטשטיין פונם העפטל.

2.

היינט האָבן מיר אַ זשורנאַל נישט קיין העפטל! (כאָטש מיר קלינגט אַלץ נאָך שענער אין אויער דאָס יידישלעכע וואָרט העפטל ווי זשורנאַל, פּונקט ווי דאָס וואָרט קאָלפּראָטער, — קאָל־פּראָ־טע־ע־ר! — פּאָעטישער ווי דאָס הארטע וואָרט רעדאַקטאָר).

היינט 4 יאָר, אין חודש אַפּריל איז אַרויס דער ערשטער זשורנאַל „לשון און לעבן״ (כאָטש דעם נאָמען האָט ער שוין געטראָגן מיט איניקע נומערן פריער!) מיט אַ שער־בלאַט, מיט אַ תוכן־ענינים, מיט אַ רעדאַקטירער, מיט אַן אַרויסגעבער, מיט „הכל־בכול־מכל״, אַ זשורנאַל ווי אַלע זשורנאַלן, פאַר ליטעראַטור און קונסט און טעאַטער, און דער עיקר — 64 זייטן דיק! וועגן דעם ווערט פון די אומשטערבלעכע שאַפונגען, וועט די אייביקייט באַאורטיילן (לאָמיך אויך ריידן אַמאָל ווי אַ דיכטער רעדט — סוף כל סוף שרייב איך אויך נאָך לידער!) איך אַלנפאַלס קאָן רעדן איבער די וואָגיקייט! אַנשטאָט דאָס פריערדיקע דינע העפטל פון 16 זייטן האָב איך געהאַט צו שלעפּן 64 זייטן אויב דאָס איז נאָך ווייניק, איז מיט אַ דיק שער־בלאַט נאָך דערצו! אַזוי איז עס נגזר געוואָרן, אַזוי האָט באַשלאָסן דער קאָמיטעט און אַזוי האָבן געוואָלט און פאַרלאַנגט אַ חשובער טייל פון די מיטאַרבעטער.

איך געדענק, לייוויק איז פּונקט, אין יענעם חודש אַפּריל, אַדורכגעפאָרן לאָנדאָן אויף זיין באַזוך צו די דייטשע קעמפּס און ער האָט געהאַלטן דעם ערשטן זשורנאַל אין דער האַנט און דאָס פּנים האָט אים געשיינט. און איך ווייס נאָך נישט ביז היינט, צי דאָס איז געווען פונם אינהאַלט, פונם ווערט פון די געדרוקטע זאַכן, צי טאַקע פון דעם שיינעם שער־בלאַט... וואָס האָט אונז אַלע דעמלט פאַריסן די אויגן מיט זיין דיקקייט, מיטן תוכן הענינים און מיט די אַלע מיטאַרבעטער און מיטן רעדאַקטירער נאָ שפּיץ. (מאַנכע האָבן שוין אַפילו גענומען פאַרייסן מיט די נעז!...)



איך געדענק ביי אַ באַנקעט אין יידישן טעאַטער ווו מיר, „פריינט פון יידיש לשון״, האָבן געפייערט דוד פּינסקי׳ס יובל, און ווו לייוויק איז געווען דער ערן־גאַסט האָט זיך דאָס גאַנצע קאָמיטעט אונזערע פאָרגעשטעלט פאַר לייוויקן. און מיר זיינען געווען שטאָלץ פאַר אונזער יידישן ישוב דאָ, אַז ער האָט עפּעס מיט־זיך־פאָרצושטעלן, און אַז לייוויק האָט דאָך עפּעס דאָ אָנגעטראָפן, אַ שטיקל באַוועגונג, אַ שטיקל טעטיקייט—עוד לא אלמן ישראל!

אַלנפאַלס אין האָטל האָט ישראל אפרת, וואָס איז געפאָרן דעמלט צוזאַם מיט לייוויקן, געמאַכט אַ קאָמפּלימענט: וואָס פאַר אַ פיינער זשורנאַל! און אויך אָנגעוויזן אויף איניקע זאַכן.

פיר יאָר זיינען פאַרביי, פיר יאָר שווערע אַרבעט פון די פאָר מענטשן אַרום „פריינט פון יידיש לשון״. מיט קריעת ים סוף זיינען אָנגעקומען די פאָר הונדערט אַבאָנענטן צוזאַמענצוקריגן, און מיט קריעת ים סוף באַקומט דער סעקרעטאַר אַריין דעם אָפּצאָל פונם אַבאָנאָמענט. דאָס מסירת נפש פון די פאָר מענטשן, וואָס שטייען אַרום אונזער אַרבעט דערוועקט שוין אַליין די ליבשאַפט און די זיכערקייט אין אונזערע ווייטערער אַרבעט, כאָטש קיין יוגנט קומט נישט צו און מיר זיינען דערווייל עלטערער געוואָרן און פאַרמאַטערט, און מאַנכע אויך שוין קראַנק און פאַרביטערט.

די אַרבעט אַרום „לשון און לעבן״, די „יידישע ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס״, „די סוף־חודש־זונטאָגס״ אין בן־אורי, די פאָלקס־קאָנצערטן פאַר יידישע מוזיק איז ווי אַן אינזעלע אין דער גרויסער וויסטער וויספּע דאָ און יענע שרייבער אונזערע, זיי זאָלן אונז לעבן און געזונט זיין, וואָס קאָנען נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן די שילער־און סלאָוואַצקי־קראַגן, די פּושקין־קראַוואַטן, — אויך שרייבער גייען אין סטראָקעס און זיינען כלי־קודש, מיט דעם אונטערשיד, וואָס פון די לעצטע זיינען שוין געוואָרן גוט־באַצאָלטע רעווערענדס, כאָטש זיי ספּיטשעווען נאָך אין אַ שלעכטן ענגליש און אונזערע שרייבער נעבעך, לויפן נאָך אַלץ אַרום נאָך גוטע איבערזעצערס, און יעצט אַז מיר האָבן אַ מלוכה, זאָל עס כאָטש זיין אויף עברית, אַבי איבערזעצט! (אַ העברעאיש בוך נעמט זיך גאַנץ אַנדערש אַרויס פון דער פּאַטשיילע ביי אַריינברענגען עס דעם גביר אין שטוב אַריין...) אָבער אַז זיי ווילן אָפּדרוקן מענטשלעך זייערס אַ זאַך האָבן זיי דאָך ניט אַנדערש ווו דאָ ווי אין „לשון און לעבן״ און נאָכן אָננודיען זיך אין די קאַפּעס, אַז זיי ווילן האַלטן אַ רעפּעראַט אָדער זיך אַרויסזאָגן איבער עפּעס האָבן זיי דאָך נישט ווו אַנדערש ווו, ווי אין „זקנים־הויז״, ביי די „שלאָפנדיקע יידן״.

אַז די פּאָעטן־פּראָזאַאיקער אין זייער מישטיינסגעזאָגטע האָפערדיקייט צעגאַלאָפּירן זיך אַזוי ווייט, האָט עס אַ שטיקל קיביצאַרניע לאָגיק, אָבער אַז די קאַבינעט־געלערנטע פלאַפּלען אויך שוין נאָך דאָס נעמלעכע, שלאָגן מיר זיי פאָר, אַז זיי זאָלן זיך ביליכער פאַרנעמען מיט גאָטעסדינסט, אײדער אַזוי־אַ

„צו דינען" די יידישע קולטור, וואָרים ביי דער ערשטער פארדינט מען זיך נאָך אלץ גרינגער דעם געהעריקן פלאַץ אין דער יידישער געזעלשאפט...

דער ענין הייבט זיך שוין אָן אויסצולייטערן! דער יידישער שרייבער, וועט באלד מוזן איינזען, אַז יידיש־שאַפן פאר ענגליש־יידישע צייטונגען (פאר ריכטיקע ענגלישע ליטעראַטור־קענער וועט עס זיכער אָננעמען אָן ערנסטן כאַראַקטער.) איז מער נישט ווי אַ „סטאָרי", און פאר די ציוניסטישע ארבעט אין גלות אַפילו דאָס אויך נישט — די שרייבער וועלן זיך אויסניכטערן! די יידישע ליטעראַטור מוז ווערן דער לעבנס־אינטערעס פון יידיש־שאַפנדיקן. מען האָט די יידיש־ריידנדיקע מענטשן אויסגעקוילעט, און מיר האָבן געהאט דאָס „גליק" — אָדער דאָס אומגליק! לעבן צו בלייבן — מוזן מיר טון די „שוואַרצע ארבעט"! מען טאָר די קינסטלער שליאפעס נישט ציען איבער די אויגן...

אויך אונזער קאָמיטעט פון „פריינט פון יידיש לשון" האָט שוין לאנג אַראָפּגענומען די „גאָלדענע גאָלקעס" פון די שליפעס, אויס גענעראַל סעקרעטאר, אויס פאָרזיצער, אויס פרעזידענט און אויס וויים־פרעזידענטן — מיר זיינען אַן „ארבעטס קאָמאַנדע": איינער איז אַ פארקויפער, איינער אַן אדרעסןשרייבער, איינער קאסירט איין דאָס געלד און איינער גיט־עס. האַנט ביי האַנט גייט מען אקסל ביי אקסל, געבויגן איבער אונזער הייליקער ארבעט.

און דאָס איז די וויכטיקייט פון ארבעט, דאָס איז איר גרויסע מעלה, וואָס זי דעקט צו אלע חסרונות. יעדער מיסטרויען ווערט פארלוירן, יעדע עוולה פארגעסן, יעדעס מחלוקהלע און יעדער צווישן שטרייט וואַקסט אויס אין אַ נצחון אויב די ארבעט איז געטון בשלימות, אויב זי וואַקסט און גייט ווייטער אָן; עס איז קיין צייט נישט פאר נעבן זאכן, פאר צייט־חשבונות און קליינלעכקייטן, אויב די ארבעט וואקסט אונטער די הענט און ווערט גרויס.

און אויב אונזער ביסעלע יידיש־אַרבעט דאָ, אין דער יידישער צוטומלניש און קולטור־וויסטערניש גייט דאָך אָן, אַזוי קליין ווי אונזער ביסל אַרבעט איז, גייט עס דאָך אָן און ענטוויקלט זיך און וואַקסט און איז לעבעדיק, איז עס שוין דער גרעסטער און בעסטער סימפּטאָם און סימן טוב, אַז יידיש לעבט און וועט לעבן בלייבן. — — —

עס איז אונטערגעבראָכן געוואָרן אונזער לעבנס קיום, דער טויזנט יאָריקער דעמב איז אויסגעריסן געוואָרן מיט אלע זיינע וואָרצלען. אָבער „די פוילישע וועלדער" וואַקסן ווייטער מעבר לים. דעם שוין איינגעוואָרצלט ישוב אונזערן אין אמעריקע וועט קיין שום שטורעם אַזוי לייכט אָוועקבלאָזן. צענדליקער יידיש־שאַפנדיקע דאָרטן, שטייען מיט זייערע יוסטע כוחות אים צו באשיצן מיט זייער לעבן.

30 יאָר האָבן יידישע שרייבער אין סאָוויעט־רוסלאנד (אַ יתר־הפליטה פונם גרויסן רוסישן־יודנטום) געשאפן און בארייכערט אונזער יידישע מאָדערנע דיכטונג מיט אַ נייעם ציענדיקן אָטעם, פול רעוואָלוציאָנערן שטורעם. און דער יידישער אָטעם איז נאָך דאָרטן נישט אויסגעגאנגען; דעם נסיון,



וואָס די יידישע שרייבער דאָרטן זיינען איבערגעשטאנען, וועט נאָך אנטפלעקן זייער געוואַלטיקן כוח.

אונזער צעריסן לעבן אין נייעם אייראָפּע שטיקלט זיך צוזאם איצט אין פאריז אין אַ פרישן יידיש־שאפנדיקן כוח, און ווען אפילו אַ נערוועזן, נישט איינגעפונדעוועטן, אָבער איבער די שטראָמען וואָס ציען איבער די אָקעאַנען און ימים, בינדן זיך דאָרטן אינם פּאַריזער נייעם ישוב די טראַטוועס — ישראל ואוריתא והקב"ה חד הוא! (און פאריז האָט שוין טראַדיציע צו זיין דער אוואנגארד אין אייראָפּע; ווארשע, ווי אין בודאפעסט און בוקארעסט זיינען תמיד געווען דאָס „קליין־פאריז".)

און איז דען נישט דער יידיש־נס וואָט געשייט אַצינד אין ישראל אַזוי געוואַלטיק ווי אלע נסים וואָס זיינען געשען דאָרט? און מיר דאָ, אויף דער אינזל, אויב עס איז אונז קוים נאָר באשערט צו זיין דאָס זיך לעשנדיקע און צינדנדיקע סיגנאל־ליכטל אָנצוווייזן און צו באלייכטן די הויפּט־ריכטונגען פון די ציענדיקע שטורעמען זיינען מיר רואיק אין אונזער גורל און מיר טראָגן אים מיט אחריות.

* * *

עס מאכט נישט אויס וואָס אין דעם זאכלעך און ערנסטן ארטיקל האָבן זיך אריינגעכאפּט איניקע פערזענלעכע און פריילעכע טענער, ווייל דעם ארטיקל פארן פסח־און אפריל נומער, שרייב איך איצט דעם 3־טן מערץ, נאָך די פורים־סעודה. באקומענדיק שלח־מנות פון פריינט אַ שיפסקארטע עולה־רגל צו זיין נאָך ירושלים אויף פסח, האָב איך מיך גענומען קודם כל תיכף ומיד פערטיק צו מאכן דעם פסח נומער „לשון און לעבן", בכדי איידער איך פאָר אָפּ זאָל דער נומער פערטיק זיין, וואָרעם וואָס פריער איך ווער פערטיק, וועל איך דאָך אַלץ פריער קאָנען אָפּפאָרן! איז אָט־אָ די פורים־שטימונג, און נישט ווייניקער אויך דער שוין איינגעשטעלטער רייזע־פיבער, זיינען דאָס מסתמא די פריילעכע טענער.

און ס'איז אויך גלייכער, אַז דער ארטיקל איז אַרויסגעקומען אין אזא געמיט־צושטאנד און אין גוטן מוט, ווי אויפשרייבן מיין רעפּעראַט געהאלטן אויף אונזער פייערונג, לכבוד דעם 10־יאָריקן יובל פון אונזער זשורנאל. וועמען ברויך אָנצוגיין אונזער קאָפּ־ברעכעניש און הארץ־ברעכעניש. צווישן אייגענע אויף אַ שמחה „כטוב־לב־המלך ביין" גיסט מען אויס דאָס נאַרישע הארץ, אָבער פאר דער וועלט — אַ פייג! איבריגנס אויף מיין ים־רייזע, איבערן ויאַקלדיק־שאָקלענדיקן ענגלישן קאַנאַל וועל איך שוין מסתמא פטור ווערן פון אַלע מיינע ברעכענישן און ביטערנישן.

## א. נ. שטענצל

### דאָס גאָלדענע ציגעלע

נישט איך פיר אַ שעפּסעלע מיט זיך מיט,
נישט אַ געשאַרפט מעסער אין דער וואָל באַהאַלטן,
און נישט פילן כ׳וועל אויף מיר יענעם בליק,
אַרויסקוקנדיק פון די כותל שפּאַלטן.

דאָס גאָלדענע ציגעלע כ׳פיר מיט מיר,
אַ צאַפּלדיקס אונטער דער פּאַכווע באַהאַלטן,
און יעדע רגע אין הארצן איך שפּיר,
פון געשליפענעם מעסר דעם שפּיץ דעם קאַלטן.

יאָ, איך ווייס עס זיכער, פּונקט ווי דעם טויט,
איינער פון אונז ביידע עט נישט אויסהאַלטן:
הויך איבער מיר די גאָלדענע פּאַווע,
ציט איבערן הימל געהיימע געשטאַלטן — — —

נישט איך פיר אַ שעפּסעלע מיט זיך מיט,
נישט אַ געשאַרפט מעסער אין דערוואָל באַהאַלטן
אָבער ס׳בריוועלע פון דער פּאַוועס מויל
וועט פאַלן אין אַ שפּאַלטן פון די כותל־שפּאַלטן.

און יענע בליקן וועלן לייענען,
נישט קיין ווערטער — אויפפלאַטערדיקע געוואַלטן!
און באַגיסן דאָס בריוועלע מיט טרערן:
אַזאַ שוואַכינקס און אַזוי קענען אויסהאַלטן —
— — — — — — — —

### רייזע־פיבער־פערזן

עס קלאַפּט אין האַרץ מיר, עס קלאַפּן די שלייפן,
כ׳הער עס אַזוי צייטלעך און קאָנס נישט באַגרייפן,
י—רו—ש—ל—י—ים, י—רו—ש—ל—י—ם!
עס קלאַפּן די רעדער, לויפנדיק און איליק,
און אין מיין פוילישן יידיש גראַמט זיך הייליק:
דוד מלך ישראל חי וקים — — — — — — — —

אַרומגענומען פון פאַרהוילענע שרעקן,
אינמיטן זיסן חלום נישט אויפצוועקן,



מיט האַנט שווער אויף האַרץ אויפצושרייען —
אין מיינע טריט שוין דאָס וואַקלדיקע טרעטן
דעם ציטער אין די קני צו פאַלן און בעטן:
י—רו—ש—ל—ים, י—רו—ש—ל—ים...

### א טוץ פּסחדיקע וואורשטן כאטש „אויף בלינד“

באמת משיחן יאַק משיחן,
אָבער דאָס אייזעלע ווו נעמט מען אצינד?
אַז יעדערער וויל עפּעס מיטשיקן,
פאַר אַ טאַטן, אַ ברודער, אַ שוועסטערקינד.
און פאַר זיך אליין ווי נעמט מען נישט מיט,
אַ טוץ פּסחדיקע ווורשטן כאָטש „אויף בלינד“.

אַ שמש, אַ גבאי — מוחל, מוחל,
אַז כ׳וועל נאָך זיי מוזן טראָגן זייער געפּעק,
און האַלטן דעם גאַנצן וועג האַנט אויף האַרץ,
צו היטן אין בוזעם־קעשענע דעם טשעק — —
יאָ, ביז די אַלע וויזעס צוזאַם מ׳האָט,
איז דאָס אייזעלע דערווייל אויך שוין אוועק.

### העט העט ביז ירושלים

ס׳איז דער גאון ביז קעניגסבערג דערפאָרן,
אַהיימגעצויגן אים אין גמרא דער קנייטש!
און דער בעל־שם הקדוש ביז סטאַמבול אַזש,
אויף אַ פוקס געטריבן פון חומש־טייטש,
און אצינד העט העט ביז ירושלים,
מיט טעוויעס יידישלעכן קנאַל פון דער בייטש.

די פערד טרייבט אָן, — פערד? אָדלערס, פליענדיקע! —
טעוויעס אַ טאָכטער ווי אַ צימעס אַ מויד!
פאַר מיר איז גענוג אַרויפכאַפּן זיך
אויף פישקע דעם קרומענס וואַקלדיקע בויד,
אַ פּאַטשנדיקע דורך די טיפע בלאָטעס,
ווי דורך כוואַליעס אין ברויזנדיקן געהויד.

### אויפן וואונדער דיוואַן...

שטיקלעך מוסטער־פּראָבקעס פון אַ רייזענדער,
אין געשטאָפּטן פאָרטפעל אָן שום נוצלעכן ווערט,

דאָס זיינען דאָך אונז׳רע ווייטשעפּל געסלעך,
פון די שטעטלעך וואָס האָבן אַמאָל אונז געהערט.

אַז׳ן וואָסער ווערט האָבן נאָך מוסטער־שטיקלעך,
אַז די מאַטעריעס זיינען מער שוין נישט פאַראַן?
אַ חוץ אַ שניידער זיי צו פאַרשלייערן,
ער זאָל צוזאַמשטיקעווען פון זיי אַ דיוואַן . . .

קאָן דאָס ווערן אַ וווּנדער פון אַ קונסט־ווערק,
פון אַ מאַדים אַ שניידערוק — אַ מייסטערשטיק,
קעסטעלע אין קעסטעלע קונציק איינגעפּאַסט,
פון די הייליקע שטעטלעך — אַ מאָזאַאיק.

צו די פיס פון ירושלים אים צו לייגן,
אַז גאָט אַליין זאָל טרעטן אויף אים זיינע טריט —
— — — — — — — — — —
יאָ, אַצינד פאַר איך דאָס טאַקע שוין אַהין
און נעם אַ פאַרטיקן דעם דיוואַן מיט זיך מיט.

---

## ד. בן־אמוץ

### אזוי טרויעריק

— נאָך אַביסל און כ׳וועל צוריקקומען. אויסלעשן? — האָט זי געפרעגט.

זי איז געשטאַנען ביים טיר־אַריינגאַנג, באָרוועס און איר קאָפּ איז געווען געלענט אויף הינטן.

— יאָ, — האָב איך געזאָגט. כ׳האָב נאָך עפּעס געוואָלט צוגעבן, אָבער כ׳האָב נישט געוווּסט וואָס.

כ׳בין געלעגן אויפן מאַטראַץ וואָס זי האָט מיר אויסגעשפּרייט צופוסנס פון איר בעט און פלוצים איז געווען נאַכט. כ׳האָב נישט געוואָלט אַז אַלץ זאָל ווידער זיין ווי פריער.

כ׳האָב אַרויפגעשלעפּט דעם ליילעך איבער מיין קאָפּ און כ׳האָב געאָטעמט ביז זאַטקייט. איך האָב אַרויסגעצויגן מיין נאָז און דערנאָך מיין גאַנצן קאָפּ. אַ מיק האָט זיך איבער מיר איזדעקעוועט אַ גאַנצע נאַכט.

איצט האָב איך געזען נאָר די קאַנטורן פונם טיש און דעם גלאַנץ פונם בילד איבערן וואַנט. אינעם פירעק פון דעם צוריסענעם פענצטער־נעץ (קעגן מאָסקיטאָס) איז געשטאַנען אַ צעהורסטער דאַך און אַ פּאַס טונקלער הימל.

כ׳האָב געוואָלט אַז ס׳זאָל איר זיין קאַלט און כ׳זאָל איר צודעקן די פיס מיט אַ דעק און די פאַלעס וואָלט איך איר אַריינגעשטופּט פון אונטן. אָבער ס׳איז געווען וואַרים אינעם צימער און כ׳האָב נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי צוקוועטשן מיינע באַקן צו דעם קילנדיקן קאַלטן־דיל.



אַ שאָד וואָס איך בין נידעריק — האָב איך געטראַכט אין דעם מאָמענט. וואָלט איך געווען הויך און זי וואָלט מיר דערגרייכט מיטן קאָפּ צום ברוסט, וואָלט אַלץ אַנדערש געווען. ס׳איז אויך אַ שאָד וואָס מיינע האָר זיינען פול מיט ווייסע שופּן. וואָלט איך געהאַט אַ שוואַרצע און ווייכע טשופּרינע, וואָלט אפשר אויך געווען קאַלט אינעם צימער און איך וואָלט איר פאַרפּאַקט די פיס אין דער קאָלדרע. אָבער איך בין אַ חכם און זי האָט מיך האַלט אַז איך בין אַ חכם — האָב איך געטראַכט.

כ׳האָב געהערט דאָס ראַשלען פון איר שלאָפראָק, דאָס אָנקלאַפּן פון דעם זייף־פּוטעראַל אָן גלעזערנער פּאַליצע פונם וואַשרוים, כ׳האָב געהערט דעם שוס פונם פּליסנדיקן וואַסער און פּזמון וואָס מען פּזמונט זיך געוויינטלעך אין אַ באָדצימער.

איך האָב זי ליב — האָב איך געטראַכט, ווארעם זי איז די קלוגסטע אין דער וועלט און טיילמאָל, אין די פרימאָרגנס, אויך די שענסטע אין דער וועלט.

זי ליגט מיט פאַרשידענע שיינע מאַנסבילן. און דאָס טוט זייער ווי. ווייל זיי זיינען שיינע און ווייל מיט מיר איז זי נאָך קיינמאָל נישט געשלאָפן. אפשר גאָר ווייל איך בין אַ חכם און ווייל זי איז מיט מיר נאָך קיינמאָל נישט געשלאָפן. אפשר גאָר ווייל איך בין אַ תלמיד־חכם און זי זשאַלעוועט מיך. איך האָב זי ליב געהאַט אויך נאָכדעם ווי זי איז געלעגן מיט די שיינע בחורים. כ׳האָב אפילו געוואָלט אַז זיי זאָלן איר עפּעס אָנטאָן און זי אַרויסוואַרפן אין דרויסן אַרויס כדי כ׳זאָל זי קאָנען נעמען אין די אָרעמס, קושן אירע קניען און זי אויפצוּוועקן צו מיטאָג מיט אַ „ווילסט אַ שטאַרקען קאַפע, מיידל?“ אָבער קיינמאָל האָט אַזאַ זאַך נישט פּאַסירט. תמיד איז עס געווען אַנדערש. תמיד האָט עפּעס געפעלט.

ווען מיר זיינען געווען קליין האָבן מיר איינער דעם אַנדערן געגעבן קלעפּ. כ׳האָב געטראַכט אַז ס׳איז נישט פאַראַן קיין מענטש אין דער וועלט וועמען כ׳זאָל אַזוי שטאַרק פיינט האָבן. אָבער זי פאָרט מאָרגן אַוועק און מיין וועלט וועט זיין אַזוי טרויעריק ווי די פּאַפּיראָסן־עקלעך אין די רעשטלעך פונם טיי אין אַ גלאָז.

אז איך שרייב איר, וויינט זי, — האָט זי מיר געשריבן. זי וויל נישט אַז כ׳זאָל פון איר שרייבן ווייל דאָס האַרץ אירס הויבט זיך אָן צו צוברעכן. און אַזאַ זאַך האָט איר נאָך קיינער נישט אָפּגעטאָן.

איינמאָל, — מיט יאָרן צוריק, — איז זי געלעגן מיט מיר אין איין בעט. גאָרנישט. זי האָט נישט געוואָלט כ׳זאָל זי אָנרירן. און דעמאָלט האָב איך נאָך נישט געהאַט שופּן אין מיין קאָפּ.

ווען כ׳בין געווען אין דינסט אינעם מדבר — האָט זי מיר געשריבן אַז קיינמאָל האָט זי נישט ליב געהאַט אַ מענטשן ווי זי האָט מיך ליב און קיינמאָל נישט וועט זי אַזוי ליב האָבן אַן אַנדערן. אָבער ליגן מיט מיר — דאָס קאָן זי נישט. אפשר דערפאַר ווייל איך לאַך תמיד און וויל שטאַרבן?

מאָרגן פאָרט זי אָפּ אין דינסט. און די נאַכט — אָט דאָס איז אַלץ. אפשר

וועט זי באַלד צוריקקומען און זי וועט זיך לייגן אין איר בעט און וועט נישט קאָנען איינשלאָפֿן. אפשר וועט זי זאָגן אַז ס׳איז איר קאַלט אָדער אַזאַ ענלעכע זאַך, אָבער מאָרגן פֿאָרט זי אַוועק. אפשר וועט זי זאָגן עפּעס וואָס איז אַזוי פשוט, וואָס וועט אַלץ זאָגן.

אויך גרין האָט זי האָלט. ער איז אַ מאַלער אַ גוטער, אָבער ער איז נישט אַ ברעקל הצלחה און זי האָט ליב גוטע מאַלערס וואָס זיינען נישט מצליח. ער איז אויך אַ חכם און ער איז נישט העכער פֿון מיר מיט אַ סך. אָבער אַז ער ליגט מיט איר איז פֿאַראַן עפּעס אין דער לופֿט. איך בין אים נישט מקנא. איך האָב אים סתם פֿיינט, כאָטש ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר זיינען גוטע פֿריינט און צי קאָן מען זיך אַנדערש נוהג זיין. אָבער די נאַכט איז מיינע. זי געהערט מיר בזכות, מיטן אַלטן זכות פֿון דער לעצטער נאַכט אפשר וועט די נאַכט זיין דאָס־אָ וואָס זי ברויכט צו זיין.

אויך פֿריער אַמאָל, אַז זי האָט געמוזט אַוועקפֿאָרן ווייט, האָב איך געוואַרט אויף דעם לעצטן זכות.

כ׳האָב געהערט דאָס טרעטן פֿון אירע באָרוויסע פֿיס. די בויך־מוסקולען האָבן זיך פֿאַרקראַמפּט אין מיר, דעם אומגליקלעכן. ס׳האָט זיך מיר געדוכט אַז מיינע הענט זיינען אונטער דעם ליילעך. כ׳האָב מורא געהאַט פֿאַר דער גדלות פֿון דער נאַכט.

— דו שלאָפֿסט שוין? — האָט זי געשעפּטשעט בעת זי איז אַריין.

אַזוי גוט איז געווען צו ענטפֿערן „ניין" וואָס פֿון אים קען זי אפשר דרינגען „אויב אַזוי"...

— כ׳האָב געמיינט אַז דו ביסט אַנטדרימלט. כ׳בין נישט געווען אַ לאַנגע צייט. אמת?

אַ ווייסער פֿלעק האָט אַדורכגעמיגעט איבערן וואַנט. איר שלאָפֿראָק איז פֿון איר אַראָפּ. דער הימל האָט זיך איינגעשטעקט אין די גאַרדינען. זי האָט זיך לאַנגע און מיך־מוטשענדיקע מינוטן געפּאָרעט מיט דער פּיזשאַמע. אין מיין ליילעך — ביי זיינע פּאָלעס — זיינען געווען בלויע פּאַסן. זי איז איבערגעשפּרונגען, אָנגעשטויסן אָן מיינע פֿיס און איז אַריין אין ווייסקייט. די ספּרוזשינעס האָבן גערעדט בעת זי האָט געשוויגן. זי האָט געקוקט צו דער סטעליע.

— אַ טוש פֿאַרן שלאָפֿן־גיין איז אַ וווּנדערבאַרע זאַך — האָט זי אָפּגעאָטעמט.

— יאָ, — האָב איך געזאָגט, — וואָרעם וואָסאָ האָב איך געקאָנט זאָגן?

— אפשר ווילסטו אויך אַ טוש? — האָט זי סתם געפֿרעגט.

— הממם... ניין, כ׳האָב מיך שוין געטושט — האָב איך דערקלערט.

דערנאָך האָט זי דערנענטערט איר קאָפּ צום בעט־ראַנד און אירע גרינע אויגן האָבן זיך אַריינגעקבערט אין מיר.

— פֿאַרוואָס שמייכלסט דו — האָב איך געשמייכלט.

— איך שמייכל נישט. איך קוק סתם. איז עס ריכטיק אַז ס׳ווערט געל אין די אויגן, אויב ס׳איז טרויעריק?



— הממם... הממם... — האָב איך געזאָגט — און מאָרגן דו...

— יאָ, מאָרגן אין דער פֿרי וועל איך האָבן אַ סך אַרבייט. אַ פּאַפּיראָס?

— דו ווילסט, אַז כ׳זאָל גיין קויפֿן מיט דיר פֿאַרשידענע זאַכן?

— אודאי. ס׳וועט זיין וווּנדערבאַר, — האָט זי מיט אַ טרויעריקן קול געשעפּטשעט. דו וועסט מיר קויפֿן פּיאָלקעס.

— יאָ, אַזוי ווי דעמאָלט.

— הממם.... זיי נישט משוגע...

. . . כ׳בין געווען נאָענט צום ריח פֿון די געפּלעטע ליילעכער. איר פּנים האָט זיך אַנטצונדן און זיך אויסגעלאָשן מיט דעם פּאַפּיראָס.

— דו וועסט מיר שרייבן? — האָט זי ערנסט געפֿרעגט.

— דו האָסט דאָך נישט געוואָלט.

— יאָ, אָבער איך וויל בענקען...

— צו וועמען?

— נאָך וואָס ברויכסטו דאָס וויסן. אויך אַזוי איז טרויעריק...

— אויך דיר?

— און וואָס האָסטו געמיינט? איך ווייס...

— נו, און וואָס?

— מען קאָן נישט דערקלערן. דאָס איז אַזוי משונהדיק...

כ׳האָב פֿאַרשטאַנען אַז די גאַנצע נאַכט וועט זיין „געל מיט רויטע פֿלעקן" און איך האָב געזאָגט:

— איך פֿאַרשטיי. מען ברויכט נישט דעריבער ריידן.

זי, — זי פֿונדעסטוועגן רעדט. זי פֿאַרשטייט וווּנדערבאַר צו דערציילן אין טונקלקייט. מיט אַ ביסל אַ הייזעריקלעכן און ווייבלעכן קול, מיט אַ סך און לאַנגע „אונען". איך האָב זי פֿאַרשטאַנען. כ׳האָב אַזוי געוואָלט זי נישט פֿאַרשטיין. זי האָט געזאָגט אַז זי וויל זיך נישט מרחם זיין אויף זיך אָדער אויף עמעצן אַן אַנדערן; אַז זי האָט מיך ליב, אָבער דאָס איז נישט־אָ דאָס־דאָ, וואָרעם ס׳פֿעלט עפּעס, וואָס איז פּשוט אַקוראַט ווי זאַמד. ביי אונז, — זאָגט זי, — איז אַלץ געבויט פֿון הימל און זון און גרויסע זאַכן און דווקא די פּשוטסטע זאַך — די־אָ פֿעלט. ביי גרינען איז אַלץ פֿאַראַן. ער איז איר ערשטער מאַן וואָס איז אי פֿאָטער אי קינד. ס׳איז איר גוט צו זיצן אים צופֿוסנס און הערן פֿון זיין מויל וואָס זי וויל און וואָס זי האָט האָלט. זי האָט געזאָגט אַז זי פֿאָרט אַוועק כדי צו זען אַלץ אַנדערש, אַז איך בין גערעכט. זי איז זיכער אַז מירן לעבן צוזאַמען, ווען מיר וועלן זיין אין עלטער פֿון דרייסיקפֿערציק יאָר, בעת מירן זיין אויסגעניכטערט, שטאַרק אויסגעניכטערט.

. . . דערנאָך האָבן מיר שוין געשוויגן פֿון רחמנות וועגן צו זיך אַליין. פֿונדעסטוועגן האָב איך געוווּסט אַז איך קאָן אויפֿשטיין און זיצן ביים ראַנד פֿון איר בעט און גלעטן אירע פֿיס. אָבער אַז . . .

ס׳איז געווען האַלב צוויי ביינאַכט ווען ס׳האָט זיך געהערט אַ קלונג אינם טיר. מיינע אויערן, — ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעריסן פֿונם קאָפּ מחמת גע־

שפּאַנטקייט. אויך איצט איז ווי אנומלט. דאָס איז געווען גרין. ער איז געקו־מען פון אנדערן עק לאַנד צוליב דער נאַכט. לאַנגע שעה'ן איז ער געגאַנגען צופוס, אין שטויב. זיי זיינען געשטאַנען אינם פאָרצימער און גערעדט אַ סך ש־ש־ש־ש־ש. וואָס האָט זי געקאָנט טון? כ'האָב מיך פאַרדעקט מיטן ליילעך און זיך אַליין איינגערעדט אַז כ'בין אַנטדרימלט. זי איז צו צו מיר אויף די שפּיצפינגער פון איר צימער און זי האָט געזאָגט עפּעס וועגן גרינען און וועגן זיך אַליין. איך האָב נישט געהערט, נישט געענטפערט. זי האָט געוווסט אַז כ'בין נישט איינגעשלאָפן, אָבער ביידע האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז דאָס איז דער איינציקער און אומווינציקסט־ווייטיקנדיקער אויסוועג... איך האָב ווי־דער געהערט איר שלאָפראָק ראַשלען. זי איז אַרויס אין דרויסן.

. . . . זיי זיינען צוריקגעקומען דריי אַזייגער. כ'האָב זיי געהערט שעפּ־טשען מיטאַנאַנד. ער האָט אויסגעטאָן זיינע שיך אינם קאָרידאָר. די מינוטן האָבן זיך געצויגן ווי האָריזאָנטן. כ'האָב אויפגעהערט אָטעמען. דער מוח איז פּוסט געוואָרן. די ספּרוזשינעס האָבן געלאַכט ווען זי האָט אים געזאָגט: „שטיל"... איצט איז שוין שווער געווען צו אַנטלויפן. כ'האָב באַשלאָסן אויפצושטיין פינף אַזייגער און אַוועק מיטן ערשטן אויטאָבוס. כ'האָב געהערט דעם שפּאָט פונם ליילעך, זיין שעפּטשענדיקן גוף. זיי זיינען נישט געווען אויפגערודערט. אָבער איך האָב זיי אַנדערש געזען. כ'האָב געשפּירט אָט־אָ דאָס וואָס ליגט דאָ מיט זיי און קיינמאָל ווייס איך נישט וואָס דאָס איז. וואָלט איך כאָטש געלעגן אויפן בעט און נישט אויפן דיל. כ'האָב געוואָלט אויפ־שטיין און ווי אַ בלאַט פאַלן דורכן פענצטער, אָבער כ'בין ווייטער געלעגן. די יסורים און ענויים האָבן געברענט מיינע אויגן, אַז כ'האָב מיך גופא געזען אויפשטיין און אַרויסגיין פונם צימער — בין איך פּשוט איינגעשלאָפן מיט אַ פּשטות און תמימות פון אַ מענטשן אָן חשבונות.

און אַז איך בין דערוואַכט, האָט שוין דער זייגער געוויזן ניין. דאָס בעט איז געווען ליידיק. אויפן בעט האָב איך געפונען אַ צעטל:

„כ'בין אַרויס עפּעס קויפן. דאָס פרישטיק איז אינם שאַנק. וואַרט אויף מיר.

דיינע אין ליבשאַפט..."

כ'בין אַרומגעגאַנגען ווי אַ מענטש וואָס האָט זיך אָפּגעשיידט פונם לעבן. כ'האָב ברייט אויפגעפּראַלט דאָס פענצטער. די זון האָט שוין אָנגעהויבן באַ־פאַרבן די מויערן פון די הייזער מיט אַ טיפן געלן קאָליר. איינער מיט אַ באָרד איז געגאַנגען אין סאַמען מיט פונם שאָסיי, אָנגעלאָדנט מיט אַ זאַק אויפן פּליי־צע, און האָט גערופן מיט אַ קול פון אָן אויסגעשעפּטן: „אַלטע זאכן, אַלטע זאכן".

אינעם טוש צימער האָב איך מיך אויפגעהויבן אויף מיינע שפּיץ־פינגער און געברוקעט געגנוי מיינע האָר.

כ'האָב געוואָלט אַנטלויפן, אויף אייביק אַנטרינען; אויפהערן זיין. כ'האָב אַזוי געברויכט צו טאָן. אָבער איך האָב געגעסן דעם גרינס־סאַלאַד, כ'האָב גע־



זופּט פונם קאַפע, כ'האָב אַריינגעקוקט אין די מאָרגנצייטונג, געריי כערט פון איר „אוניווערסאַל" און אויף איר געוואַרט.

אַז זי איז צוריקגעקומען האָט זי זיך געפרייט אויפן קאַפע וואָס כ'האָב צוגעגרייט. אַ וווּנדערבאַרער קאַפע. אַ וווּנדערבאַרער פרימאָרגן איז היינט. ווילסטו גיין מיט מיר?

כ'בין געגאַנגען איר קויפן פּיאָלקעס.

אין דעם מאָמענט האָט זיך אָפּגעהאַקט דער פּזמון אין דעם טוש. כ'האָב געהערט דאָס טראָטלען פון אירע באָרוויסע פיס אינם אַריינגאַנג פון דער טיר.

ייִדיש—*ש. שפּיוואַק*.



דער דיכטער אריה שדמי (שאַפּענפעלד) געצייכנט פון מ. סאָכאַטשעווסקי בעת זיין באַזוך אין קיבוץ דן דאר ראש פנה, ישראל

יוסף הלל לעווי

## יידיש-לשון מאמע-לשון

צום 10 יאָריקן דערשיינען פון „לשון און לעבן“

יידיש־לשון מאמע־לשון,
פשוט איז דיין ווערטער־שטאַם!
אויסגעהאָרעוועט, ווי דער גראָשן —
פונעם בלוטיק אָרעמאַן.

יידיש־לשון, נישט פאַרוואַנדלען
וועט דיך מער קיין פיין און גליק, —
שמעקסט מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען,
מיט דער מילך פון גילדנער ציג...

יידיש פון בטחון־פלאמען —
אותיות — און יאוש פראָסט;
פונעם טאַטן און דער מאַמען
מיר ירושה צריק געלאָזט.

יידיש־לשון פאר נקבות,
וואָס מען רופט דיך אָן זשאַרגאָן!
ספּורפלען דיינע ראשי־תבות
ווי דעם אַרבעטאָרערס פאָן...

יידיש־לשון פון די תחינות
ביסטו איידל אויסגעצערט;
און פון פחדימדיקע קינות —
שארף און שפּיציק ווי דער שווערט.

יידיש־לשון דאָס עקשנות,
און גבירות טראַציק לעבט, —
מיט אהבה און סבלנות
אין דיין האַרצן איינגעוועבט...

יידיש־לשון אָפּגעהיטן
אין דיר אָדערט טיף און זידט:
פון די אבות די געבליטן —
מיט דער פריידי און לייד פון ייד...



יידיש ס׳קניפּן טויזנט בענדער
דיך צום וועלטליכן פאַרבאַנד
פון די אַלע גלות לענדער
ביז צום אייגענעם פאָטערלאנד...

יידיש־לשון טיף פארבונדן
מיט העברעאיש איז דיין שטאם, —
ווייל עס האָבן אירע וווּנדן
זיך געכשרט אין איין פלאם...

יידיש־לשון האָסט די בכורה,
ביסט פון בלוטפארגיסן ריין, —
הייליק פונעם טאטנס תורה,
און דער מאמעס הייס געוויין.

פון הגדה, ביז הלכה,
גמרה תוספות און תנ״ך, —
קלינגט דיין הייליקע מערכה
יידיש אונדזער הארצנס־שפּראַך!

יידיש נאָר מיט דיינע אויגן
ווען איך קוק בין איך אַ גביר,
סקאָן קיין המשך נישט געצויגן
ווערן יידיש מער אָן דיר.

יידיש־לשון מאמע־לשון,
אויסגעבליט אין טיפסטער נויט!
ווי דער ייד פון טויט געדראָשן —
ביסטו שטארקער, פונעם טויט...

די טעג איז דערשינען אַ ניי־בוך פון **משה עובד**
**„די גאולה שעה“ (א וויזיע)**
קאַרט־בונד 5/- מיט פּאָרטאָ
**צו באקומען אין אלע בוכהאַנדלונגען אָדער דירעקט פון מחבר;**
MOSHE OVED, 26, Museum Street, London, W.C.1, England

## אריה שדמי (לייבוש שאפענפעלד) דן

# קאַראוואַנען
(פּאָעמע)

מיין טאַטען׳ן געהייליקט

א

כ׳האָב איינגעהאַלטן שוין די קאַראוואַנע
און אויסגעשפּאַנט כ׳האָב שוין מיינע קעמלען,
פאַרגעסן כ׳האָב דעם נעכטן און פונוואַנען,
פאַרברענט נאָך זיך אַלע, אַלע לענדער...

פאַרגעסן כ׳האָב דעם נעכטן און פונוואַנען,
עפּעס איז געווען און ס׳איז פאַראַנען. —
דו ביסט נאָר, דו ביסט נאָר פאַראַנען,
און זינגסט אַצינד די מאָדנע ליבּ־געזאַנגען.

דו ביסט נאָר, דו ביסט איצט פאַראַנען.
ס׳האַרץ מיינס האָט אַזוי מיך אויפגעפלאַמט איצט —
זיי מיין היים אָ דו, זיי מיין לאַנד שוין,
זיי מיר אַלעס איצט — זיי אַ מאַמע...

זיי מיין היים אָ דו, זיי מיין לאַנד מיר,
זע: אַזויפיל ערד איז דאָ פאַראַנען
און ס׳בענקט נאָך מענטשנזון אַלץ אַרום דעם ים דאָ —
גענוג זיך שוין, גענוג זיך אָנגעוואַנדערט...

ב

אָט איז זי, מיין היים די אויסגעבענקטע —
ווייט אַזוי און נאָענטע לעבנס־שליאַכן.
איך שטיי און קוק מיט אויגן מיט פאַרבענקטע
און כ׳ווייס נישט צי איך טרוים, צי בין איך וואַך איצט.

איך שטיי און קוק מיט אויגן מיט פאַרבענקטע:
ס׳איז אייגנס מיינס און עפּעס אַזוי פרעמדס נאָך.
אָך גאָט, אַזויפיל גליק דו האָסט געשענקט מיר —
פאַרוואָסזשע איז מיין האַרץ אַזוי פאַרקלעמט נאָך?

אָך גאָט, אַזויפיל גליק דו האָסט געשענקט מיר —
בין איך אינם לאַנד שוין אינדערדאַמת?
אַ חלום ווענס געווען אַזאַ — ס׳געדענקט זיך,
איצט נאָענט אַזוי דאָס גליק דאָ, טאָ נעם עס!...



אַ חלום ווענס געווען אַזאַ — ס׳געדענקט זיך:
אַ טרוים אַזאַ מין וווּנדערלעכער, שיינער.
מזרח מיינער, היים דו אויסגעבענקטע,
כ׳פריי זיך אַזוי שטאַרק און ס׳וויל זיך וויינען...

ג

כ׳פריי זיך און עס וויל זיך עפּעס וויינען,
ס׳איז אייגנס אַלץ, אי עפּעס אַזוי ווייטס נאָך.
כאָטש אַלעס רופט: קומזשע, קום אַריין שוין!
שטיי איך אַלץ אַ פרעמדער פונדערווייטנס.

כאָטש אַלעס רופט: קומזשע, קום אַריין שוין,
און אַלעס איז דיר נאָענט אַזוי און טייער,
איז שווער אַזוי, שווער זיך צו געוויינען
אָנצוהייבן לעבן אויפסניי איצט...

כ׳איז שווער אַזוי, שווער זיך צו געוויינען
און אָנצוהייבן עפּעס אַנדערש טראַכטן;
ביסט איצט אינדערדאַמת אין דער היים שוין
און שטייסט נאָך אַ פאַרגאַפטער און פאַרטראַכטער.

ביסט איצט אינדערדאַמת אין דער היים שוין
און לעבן נייעס קומט דיר איצט אַנטקעגן —
אָ, לאַנד מיינס, דו — היים דו אויסגעוויזנטע,
וועט לעצטער וועג שוין זיין אָ דער פון וועגן?

ד

שעה׳ן ערשטע, זוניקע — פאַרגאַנגען,
דאָס לעבן ווערן שוין וואָכנדיק און פּראָסטער,
כאָטש וועג אַזאַ מין לאַנגער — נישט דערגאַנגען,
נאָך נישט אַלע וועגן אויסגעמאָסטן...

כאָטש וועג אַזאַ מין לאַנגער — נישט דערגאַנגען,
ס׳וואַרטן נאָך און וואַרטן אויף דיר ווייען:
א לעבן דיר א נאָענטס, דיין טאַטנס צאַנקט שוין —
ווי ס׳צאַנקט אַ ליכטיק ליכטל פאַר אויסגייען.

אַ לעבן דיר אַ נאָענטס, דיין טאַטנס צאַנקט שוין,
זיכער שוין ערגעצוו פאַר גסיסה — — —
ווי קאָן מען זינגען פריידיקע געזאַנגען,
ווען ס׳מאַטערט און עס פּלאָגט דיך דיין געוויסן?...

ווי קאָן מען זינגען פריידיקע געזאַנגען,
אין ברויזנדיקן לעבן זיך דערטרענקן? — — —

האָסט לעבן מיינס קלעפּ אָסך דערלאַנגט שוין,
ס׳איז צייט אַביסל רו שוין אויכעט שענקען...

ה

ס׳איז שווער אַזוי און פּיינלעך דער בראשית.
ווי פריער אַלץ מיט זיך איך בין פאַרנומען,
כאָטש ס׳איז מיר אַזוי קלאָר דאָס אַלעס, כ׳ווייס עס —
פלעג איך אין מיר ווייטער אַלץ מיין אומעט.

כאָטש ס׳איז מיר אַזוי קלאָר דאָס אַלעס, כ׳ווייס עס —
דאָס לעבן איז פלאַקערדיק און שווער דאָ,
טעג אַזעלכע ברויזנדיקע, הייסע —
און איך נאָך אַלץ דער ווייטער און פאַרקלערטער.

טעג אַזעלכע ברויזנדיקע, הייסע,
הייסער נאָך און שווערער ווי כאַמסינען,*
שווערער ווי די אַרבעט מיטן שווייס דאָ —
און דו האָסט נאָך, נאָך זיך אַליין אין זינען.

שווערער ווי די אַרבעט מיטן שווייס דאָ
איז אומרו דער און ס׳ווייטערדיקע וואַרטן
אויף יענער אויסגעחלומטער דערלייזונג,
נאָך לעבן אונזערס שווערן אינם האַרטן.

ו

ס׳רוקן זיך און רוקן זיך די וואָכן,
ס׳ווערט איינע דורך אַן אַנדערער פאַרשלונגען;
און דו ביסט נאָך אַלץ אַזוי צעבראָכן
און ס׳לעבן דיינס נאָך נישט, נאָך נישט גרינגער.

דו ביסט נאָך אַלץ אַזוי צעבראָכן
און רייסט זיך נישט אַרויס פון ד׳ אמות,
לעבסט ווייטער נאָך דיין פראָסטן אינדערוואָכן,
ה׳י ווענס אַמאָל דאָרט ביי טאַטע־מאַמע.

לעבסט ווייטער נאָך דיין פראָסטן אינדערוואָכן,
גאָרנישט עפּעס, גאָרנישט זיך געענדערט,
כאָטש אַלעס פלאַקערט און ס׳איז אויפגעקאָכט דאָ,
שטייסטו נאָך אַ זייטיקער און פרעמדער...

כאָטש אַלעס פלאַקערט און ס׳איז אויפגעקאָכט דאָ,
ס׳בריען אונטער פיס די הייסע זאַמדן —
לעבסטו אַלץ דיין פראָסטן אינדערוואָכן
און רייסט זיך נישט אַרויס פון ד׳ אמות.



ז

ציען ברייוו זיך, ציען איבער ימען,
טראָגן זיך און טראָגן שטומע ווערטער.
וואָסאָ זאָל איך דיר שרייבן, גוטע מאַמע,
אַז גורל אָט אַזאַ מין אונז באַשערט איז...

וואָס זאָל איך דיר שרייבן, גוטע מאַמע,
מיט וואָס דיך מאַמע טייערער איצט טרייסטן?
דיין וויי איז דאָך טיפער, ווי דער ים איצט
און ליידסט אַזאַ מין ליידסט, אָ, מאַמע, כ׳ווייס עס.

דיין וויי איז דאָך טיפער ווי דער ים איצט;
ער שניידט אַזוי און רייסט אין טיפע טיפן —
צווישן אונז אַן אויפגעברויזטער ים איז
און ווייניק, אַזוי ווייניק אויף אים שיפן...

צווישן אונז אַן אויפגעברויזטער ים איז
און ס׳פעלן אויס ווערטער איצט אַפילו
דיך צו טרייסטן נאָך ז י י ן טויט, אָ, גוטע מאַמע —
דיך צו טרייסטן און דיין וויי אַביסל שטילן.

ח

אַזוי האָסטו מיך לאַנד מיינס אויפגענומען,
אַזוי זענען געווען די ערשטע שריט דאָ;
געצויגן האָט זיך לאַנג אַזוי דער זומער
און האָט מיין זעל צעשטיקלט און צעשפּליטערט.

געצויגן האָט זיך לאַנג אַזוי דער זומער,
טעג אַזעלכע האַמעטנע און שווערע;
אַרום מיר האָט געברעשט זיך און געטומלט
און פייערדיק געפינקלט האָבן שטערן...

אַרום מיר האָט געברעשט זיך און געטומלט,
טעג אַזעלכע ברויזנדיקע, הייסע —
ס׳איז שוין דאַן געווען דער צווייטער זומער,
ווייטיקפולער המשך זיבנאונדרייסיק. *)

ס׳איז שוין דאַן געווען דער צווייטער זומער
פון חורבן און פון בראַנד און פון צעשטערונג —
און איך האָב זיך געגערט אַלץ נאָך מיט אומעט —
אַ פרעמדער און אַ ווייטער אויף דער ערד דאָ.

---

* חמסון — אַ הייסער מזרח־ווינט וואָס קומט פונם מדבר.

ט

קאַשמאַר־שווערע טעג מיט פול גערַאנגל,
ווייטיקפולער המשך פון צעשטערונג ;
צייט אַזאַ מין טרויעריקע שוואַנגערט —
אומרו אונזער שפּייז אַצינד און נערונג.

צייט אַזאַ מין טרויעריקע שוואַנגערט,
שווער אַזוי עס איז דער בין־הזמנים,
לאַנג איז נאָך דער וועג, אַזאַ מין לאַנגער
דורך הערצער אויפגעהעצטע, אויפגעפלאַמטע...

לאַנג איז נאָך דער וועג, אַזאַ מין לאַנגער,
ווייט אַזוי נאָך ווייט אַלץ צום סך־הכל ;
אונזער זון איז נאָך נישט אויפגעגאַנגען,
נאָך נישט אַלע בייטן אויפגעאַקערט.

אונזער זון איז נאָך נישט אויפגעגאַנגען,
צאָרנדיק עס פינקלען אַלע שטערן.
טעג אַזעלכע האַרטע, פול גערַאנגל,
טעג אַזעלכע ביטערע און שווערע...

י

אַזאַ ביסטו געוועזן נאָך מיין קומען,
אַזאַ מין דיך געטראָפן אין בראשית —
אַליין אַזאַ צעוואַקלטע, צעטומלט,
האָסטו מיך היים, אָנגעהויבן טרייסטן.

אַליין אַזאַ צעוואַקלטע, צעטומלט
פון קאַמף אַזאַ מין שווערן אויפגערודערט,
האָסטו מיך ווי אַ מאַמע אויפגענומען
און אויסגעשטרעקט הענד מיר דיינע מידע.

דו האָסט מיך ווי אַ מאַמע אויפגענומען
און צוגעטוליעט שטאַרק צו דיינע ברוסטן —
אין דרויסן האָט געבליצט אַלץ און געדונערט —
הרוגים און פאַרלוסטן און פאַרלוסטן.

אין דרויסן האָט געבליצט אַלץ און געדונערט,
געגאָסן האָט אויף קעפּ זיך פעך און שוועבל —
פאַרנעפּלט און פאַרוואָלקנט אונזער זון דאַן
און שווער אַזוי, שווער אַזוי דאָס לעבן...

*) 1937 — בלוטיקע געשייענישן אין ארץ ישראל.



יא

אַזאַ האָב איך דיך היים מיינע געטראָפן ;
אַן אויפגעברויזטע, פלאַמיקע געפונדן.
אויף אַטעמשווערע הויכע באַרגאַרויפן
געשטיגן ביסט, געשטיגן צו דיין זון אַלץ.

אויף אָטעמשווערע, הויכע באַרגאַרויפן
כאָטש ווייטיקפול געווען דאַן דיינע ליידן.
דו האָסט זיך נישט געריסן צו באַשטראָפן
דעם, וואָס האָט געטון אַזויפיל ווי דיר.

האָסט זיך נישט געריסן צו באַשטראָפן.
פון וועמען וועסטו נעמען דען נקמה ? —
אין טעג וואָס זענען שווערע אָנגעלאָפן
האָסטו ווייטער אַלץ געזייעט שלום־זאמען...

אין טעג וואָס זענען שווערע אָנגעלאָפן :
נסיונותדיקע, גורלדיקע, האַרטע —
אויף אָטעמשווערע, הויכע באַרגאַרויפן
געקלעטערט ווייטער האָסט אַן איינגעשפּאַרטע...

יב

האָסט אויפגעהערט די טויטע דיינע ציילן,
האָסט אויפגעהערט צו קלאָגן און באַוויינען,
כאָטש ווונדן דיינע האָבן נישט פאַרהיילט זיך,
נישט געבליבן ביסט קיין רגע שטיין איצט.

כאָטש ווונדן דיינע האָבן נישט פאַרהיילט זיך
און צוגעקומען נייע זענען, נייע,
דו האָסט זיך נישט געריסן צו דער פייל איצט,
יאושדיק צו שרייען חי וקים !...

דו האָסט זיך נישט געריסן צו דער פייל איצט,
נאָר ווייטער אַלץ געבויט אַלץ און ווייטער. —
מיט לעבן דעם גענומען דו האָסט טיילן
מיט מיר אַ צעווייטיקט און צעשטרייטן.

מיט לעבנס דעם דו האָסט גענומען טיילן
מיט מיר אָט דעם צוברָאכענעם, באַצערטן,
ווונדן מיינע אייגענע צו היילן
און אָנגעגאַרט צום לעבן אָט דעם האַרטן...

## משה עובד

# טרייסט

פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען היטלערס רעדעס געפאַלן אויף אונזער פאָלק ווי האָגל פון פאַרסמטע שפּיזן. מיך האָבן זיי דאָפּלט פאַרוווּנדעט ווייל איך האָב זיך אין מיין נאַאיוויטעט באַשולדיקט אין זיין אַ בעל פּחדן האָט מיך דען מיין געוויסן ניט דיקטירט צו פאָרן נאָך בערלין און איבערצייגן היטלערן אין מיינע אידעאַלן און מאַכן אַפילו פון אים אַ שטיקעלע מענטש ?! און וואָס געטון דאַצו ? — גאָרנישט. און אַזוי ווי איך האָב גאָרניט געטון דערצו בין איך ארומגעגאַנגען אין כעס אויף זיך און מיט צער אין זיך און קיינער האָט מיך נישט געטרייסט, אויסער איין מענטש. און דאָס איז געווען די קעניגין מערי פון ענגלאַנד.

און געטרייסט האָט זי מיך אָן ווערטער.

ווען היטלער פלעגט האַלטן אַ וועלט אָפּקלינגענדע רעדע אַנטקעגן יידן און אַלע נאַציאָנאַלע צייטונגען זיינען געווען פול דערמיט, פלעגט די קעניגין מיך באַזוכן כלומרשט קויפן עטליכע זאַכן, אָבער אין אמתן איז עס געווען אַן אויסדרוק פון טרייסט און פריינטשאַפט צו אונזער פאָלק. איינמאָל, קורץ פאַר דער מלחמה, ווען היטלערס אַטאַקע האָט דערגרייכט דעם רויט בלוטיקן סיגנאַל פאַר אונזער פאַרניכטונג, איז די קעניגין אַריינגעקומען, געזעסן קנאַפּע צוויי שעה (געוויינליך נאָר איין שעה), מיר האָבן זאָגאַר דעם נאָמען היטלער נישט דערמאָנט. אָבער ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָב איך זיך געבויגן פאַר איר גוטסקייט און געזאָגט : „היינט בין איך דיר מער דאַנקבאַר ווי אייביק".

„נייך", ענטפערט זי מיר, „היינט בין איך דיר מער דאַנקבאַר" און מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען, און נאָך ווי זיך פאַרשטאַנען !

און איידער מיר קוקן זיך אַרום איז שוין פּוילן ווי אַ צוהאַקטער הערינג איינגעשלונגען ביי דייטשלאַנד. צו פאַרשטאָפּן די קאָמוניסטן די מיילער האָבן זיי איבערגעלאָזט אַביסל אויפן טעלער פאַר רוסלאַנד, און דאָס האָט געשאַרפט היטלערס אַפּעטיט, באַדיי ער זאָל איינעמען אַ מיתה משונה מוז ער די וועלט איינעמען.

און ס'קומט אָנפאַנג חודש אָקטאָבער, 1939 און אַ אונפאַרגעסבאַרע זון האָט יענעם פרימאָרגן אויפגעשיינט פאַר מיין טאַמבאַנק וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט מער אָפּגעטון. אַ סך גראַהע, רויטע און שוואַרצע וואָלקנס זיינען שוין זייט יענעם טאָג פאַרביי מיין ציילטיש, אָבער זי בלייבט שיינען אין איר גלאָררייכקייט. ווייסט איר פאַרוואָס ? ווייל זי איז געווען אַ לעבעדיק נפש. אין דער פאָרם פון אַ וואונדערשיין און קלוג מיידל באַקליידעט און יוועלירט ביים הימליש־ערדישן מייסטער פאַר אַן אויסשטעלונג פון זיינע שענסטע ווערק.

גאָט האָט מיך געבענטשט מיט אַ געוועלב וואָס ציט צו שיינהייטן און חכמים. און אין טאָג ווען זיי פילן זיך יום־טוב'דיק, ווען זיי זיינען באַלאָדנס



מיט כוחות צו דערפרייען דאָס טרויעריקסטע האַרץ, באַווייזן זיי זיך פאַר מיין מזבח און זיינען מקריב מיין טרויער.

און ווען דאָס וואונדער מיידל האָט מיט איר ערשטן בליק געכאַפּט מיין טרויער ווי אַ שוואַרץ שטיק קויל צווישן די פייערדיקע צוואַנגען פון אירע אויגן איז מיר באַלד לייכטער און ליכטיקער געוואָרן און איך בין גלייך אַריינגעפלויגן אין דער הייל פון דער קאַסע, און אַרויס מיט מיין גרעסטער שענסטער ברוסט פלאַטע געשאַפן אין רענעסאַנץ מיט דער הילף פון גאָלד, זילבער, עמאַליע דימאַנטן און רובינען. כ'האָב אָנגעטון דעם אָרנאַמענט אויף איר ברוסט און געזאָגט : „דו ביסט מיין כהן־גדול, דו האָסט מקריב געווען מיין טרויער, געבענטשט זאָל זיין ער וואָס האָט דיך געשאַפן !"

און געווען בין איך זיכער ווען איך שפּאַן זי אַזוי איין אין אַ רייטוואָגן, זי געשפּאַנט אין דעם אָרנאַמענט און פאָר מיט איר אַרום די וועלט וואָלט פעסעמיזם זיך אָפּגעטון פון פּנים פון דער ערד. (נאָר די „זיכערקייט" איז אַביסל געוואָרן צושטערט ביי דער פראַגע „אָבער וואָס טוט מען מיט מיין פאַרצערט גלות פּנים ?")

דאָס מיידעל שפּיגעלט זיך איין אין דער שפּיגעל, ווערט בלאַס און צומישט, ווייס נישט וועלכעס איז זי און וועלכעס יואוועל, און איך דעצעדיר אז זיי מוזן בלייבן איינס און זאָג צו איר : „איך קען די ברוסט־פלאַטע פון דיר נישט אַראָפּנעמען, גיי אַהיים דערמיט, ווייז עס דיינע פריינט און נאָנטסטע".

דער כאַראַקטער פון גוט ערצויגענע קליינע מענטשעלעך אין אַזאַ פאַל איז, אָדער צו זאָגן : „איך האָב מורא צו גיין אין גאַס אַריין מיט אַזאַ ווערטפולע זאַך", אָדער : „דו קאָנסט דאָך נישט מיין נאָמען", אָדער „איך דאַנק דיר זעהר שטאַרק". אָבער מענטשן פון דער העכערער מדרגה זיינען זיך אַזוי נישט נוהג, זיי נעמען פון דער וועלט וואונדער מיט אַן אָפענער האַנט און צוטיילן נסים מיט דער צווייטער אָנע די אַלע איבערפלעכליכע לאַטעס ווי נעמען, אַדרעסן, און „טהענק־יוס".

און אַזוי ווי דאָס מיידעל האָט באַלאַנגט צו דער בראַווער ראַסע האָט זי געענטפערט : „גוט, היינט אַ וואָך האָב איך חתונה און דאָס וועט פּונקט פּאַסן מיין חתונה קלייד".

און זי גייט אַוועק, ברוסט פלאַטע אויף ברוסט פלאַטע און איך ווייס ניט און וויל ניט וויסן איר נאָמען אָדער אַדרעס.

צו מאָרגנס קריג איך אַן איינלאַדונג צו איר חתונה און ווער דאָרט אינפאָרמירט איר נאָמען און אַדרעס, אַז די חתונה וועט שטאַטפינדן דעם 7־טן אָקטאָבער, אין אַ באַרימטע אַלטע קירכע.

הגם איך גיי זער זעלטן צו חתונות — אויף די אָבער האָב איך באַשלאָסן צו גיין.

דעם 6־טן אָקטאָבער 1939 האָט היטלער געהאַלטן זיין חוצפּהדיקסטן רעדע. פּוילן האָט אים געגעבן אַפּעטיט פאַר ווייטערע שלאַכטן און שוין האָבנדיק דאָס גייסטיקסטע טייל פון יידישן פאָלק אין זיין שטייג גרייט צו דער שחיטה,

האָבן זיינע שפּאָטישע, רציחישע רייד דערגרייכט אויך צו דער קריסטענדאָ פון דער נאַצישער קונסט פון אָראַטאָריק. און אזוי ווי די קעניגין איז מן הסתם נישט געווען אין לאָנדאָן איז נישט געווען ווער עס זאָל מיך טרייסטן.

אין זיבנטן אָקטאָבער אין דער פרי פאָרנדיק צו דער חתונה און לעזנדיק אויפן וועג היטלערס רעדע אין „די טיימס" איז מיר געוואָרן אזוי פינסטער פאר די אויגן אויך די ליכט צווישן די שורות האָט זיך אויסגעלאָשן און היטלערס ווערטער זיינען ארומגעפלויגן אין דעם נעפּל ווי מייז און ראקן אין אַ ראַינע.

קומענדיק ענדליך אַריין אין דער קירכע האָט די הימלישע זון מיר געגעבן צוריק אַ קלאָרע ליכט צו די אויגן, און מיר געוויזן די געמאָלענע שויבן מיט די פיגורן פון אונדזערע אבות און נביאים אין זיי, (די גלויביקע קינסטלער פון מיטלאלטער האָבן פון פראָסט גלאָז געקאָנט מאכן אויסזען ווי איידלשטיינער די טייערסטע). איך זעץ זיך אוועק, הייב אויף דעם פּראָגראַם פון דער צערעמאָניע און טויזנטער טייטעלען פון דער זון ווייזן מיר אז אין פּראָגראַם געפינען זיך צוויי קאַפּיטלעך תהילים; אַ קאַפּיטעל ישעיהו און אַ קאפּיטל עמוס, און דורך די ביינערנע ליעקן פון די רמ"ח אברים גיסט מענדעלסאָן אַריין מוזיק און דאָס אלעס האָט מיך געטרייסט ביז טרערן...

ווען איך בין געקומען צו זיך האָב איך זיך האסטיק אויפגעשטעלט, עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט, חתן־כלה זיינען שוין פארבייגעגאנגען מיין רייע. דער גאנצער עולם פון הונדערטער מענטשן זיינען שוין געשטאנען און איך אַליין בין געזעסן און זיך פארשעמט.

ווען חתן־כלה האָט פארלאָזט די קירכע האָט די כלה אויסגעזען ווי אַ מיטלאלטער געמאָלן פענסטער, געטראָגן אויף דער גאָלדענער ברוסט־פּלאָט פון דער מיט־טאָג זון. און אירע אויגן, שענער פון בידע ברוסט פּלאָטן, האָבן מיך געטרייסט.

# א. נ. שטענצל

## עולה רגל זיין

„כי אוריש גויים מפניך והרחבתי את גבולך ולא יחמוד איש
את ארצך בעלותך לראות את פני ד' אלוהיך..."

איך האָב אפנים פאראַיאָרן צום סדר ערלעך געזאָגט דעם „לשנה הבאה בירושלים", אז איך בין זוכה היי־יאָר עולה רגל צו זיין אויף פסח קיין ירושלים.

ווען איך האָב געזען מיין פּאס מיט אלע וויזעס פערטיק שוין צום פאָרן, האָב איך געטראכט, עס איז זיכער אין זכות פון מיינע ירושלים־לידער. מן



הסתם איז דאָך פאראנען אין די בענקענדיקע באַהאָפּטענע ווערטער, אין די גראַמען־געפּאָרטע, אַן אינערלעך ערלעך געפיל צו דער דאָזיקער אייביקער און הייליקער שטאָט.

עס זיינען די חצות געוויינען פון מיין טאטן, וואָס פלעגן אויפשוידערן די נעכט, און מיין מאמעס וואָרעמער קול'כל הויך געבויגן איבער מיר מיט איינשטילנדיקן געזאנג פון קלאָר ווייסינקן ציגעלע.

דאָס גאָלדענע קלינגענדיקע גלעקל אויפן לאשטשענדיקן ווייס־קלאָרינקן האלדז געזיווגט מיט אויפלאכנדיקן פון־שלאָף געפּלאַפּל, איז מסתמא דעמלט געווען דאָס וואָרט: ירושלים — —

און איצט ביים גרייטן מיך צום עולה רגל זיין, דערמאָן איך מיך: אין מיין היים־שטאָט, אין די געבוירן שטאָט פון מיין טאטן, פון מיין זיידן, פון מיין עלטער־זיידן; פלעג איך אין פרילינג אין די זומער־חדשים שטיין גאנצע טעג פארן פארהאנגענעם פענסטער און דרויסן הערט נישט אויף דאָס שווערע גיין פון די פויערים, פון גאנץ פוילן, אַרויף אויפן הויכן בארג, קיין טשענסטעכיווקע.

און ווי האָב איך דאָס מקנא געווען די קליינע שקצימלעך, אין די פארביקע סוקמאנדלעך, וואָס די באָבעס האָבן געפירט ביי די הענט. אינם שטויב פון די וועגענער זיינען זיי געגאנגען און געזונגען, און איך בין געשטאנען פארשטעקט אונטער דער אַראָפּגעלאָזענער פאָרהאנג און געגאָסן מיט ביטערע טרערן.

דער טאטע אפנים האָט פארשטאנען מיין געפיל, האָט ער אַרויסגענומען די גרויסע זשיטאָמירער ש"ס־גמרא און אָנגעהויבן מיט מיר צו לערנען די מסכתא „חגיגה". (די גמרא פון עולה רגל זיין.) נישט מיט שכלדיקייט, נישט מיט לאָגיק האָט געקלונגען דער ניגון, נאָר מיט פארטראכטער מחשבה, מיט בענקנדיקער דבקות. און פון דעם גאנצן לערנען איז אַרויסגעקומען: (אזוי זאָגט דאָרט בפירוש די גמרא; לויט ווי איך געדענק, טייטש זי עס אַרויס פון אַ פסוק.) מיט צוויי זעענדיקע אויגן מוז מען גיין קיין ירושלים, ווייל פונקט ווי גאָט קוקט אויף דיר מיט צוויי אויגן, מוזט דו אויך גאָט קענען זען מיט צוויי זעענדיקע אויגן...

און אזוי אין דעם שטייגערונג, אין דעם התלהבות איז ער מיט מיר צוגעקומען צו דער משנה פון „מעשה מרכבה" — — —

איז וואָס פאַר אַ פנים האָבן שוין דעמלט פאר מיר געהאט די שקצימלעך אין די פארשטויבטע סוקמאנדלעך, די לאנגע באָרוויסע פויערים מיט די נאַקעטע צלמים, די בלעקצדיקע באבעס, מיט די גאנצע „מאָטקע באָסקע" מיט די ברילִיאַנטענע אויגן...

און אַזוי, אין אַזאַ מין צושטאנד האָט דער טאטע מיך געלאָזן אַליין, ווי דער דין איז: „ומרכבה ביחיד"! און באמת, איך זיץ אין הימלישן־רייטוואָגן, גאנץ ירושלים שטייט מיר פאר די אויגן, שטאפּל איבער שטאפּל הייבט זיך די שטאָדט, טורעם איבער טורעם, איבער אלע זיבן הימלען, איבער אלע

פופצן שיר־המעלותן און דאָס עולה־רגל־געגיי הערט גאָר נישט אויף... און פון דער צווייטער שטוב הער איך דעם טאַטנס טרעטנדיקן גאַנג, באַגלייט פון האַפּערדיק תהילים געזאַנג: „עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים“. —

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

. . . איך פאָר נישט קיין ישראל „צו זאָגן דעם אמת פון ישראל“, אָדער „באַגייסטערט“ צו ווערן און צו שרייבן „פּאָעזיעס“ איבער דער זיך בויענדי־קער ייִדישער מדינה, ווי די וואָס האָבן מיר געמאַכט די מתנה, גלויבן אפשר. איך פאָר אויך נישט זיך „אומצוקוקן“ צי דאָס לאַנד פּאַסט פאַר מיר, צי אומ־געקערט, צי איך פּאַס פאַרן לאַנד...

אויב מען שטייט נישט אויף אַ רישטאָוואַניע דערלאַנגענדיק ציגל אַ פריש הויז דאָרטן אויפצובויען, אויב מען שטייט נישט אין אַ זומפּ אין נגב נאָך אַן אָקער אויסצוטריקענען און אויסצורייניקן פון דער פאַרלאָזענער ערד, אויב מען איז נישט משיג אַזוי, מיטן גאַנצן לייב און לעבן, דאָס וואָס ס׳איז געשען מיט אונז אין די לעצטע יאָרן, אויב מען איז נאָר אַ בלויזער צוקוקער, איז דאָס אַליין שוין, מיט די אייגענע אויגן צו זען דאָס זיך צוריק אויפבויענדיקע ירושלים, — די גרעסטע זכיה! און מיט גרויס כוונה מוז מען שוין שווייגן קענען, צוצוקומען כאָטש צו אַ שטיקעלע השגה.

און אויב חלילה, דער חלום, דער ירושלים־חלום, איז נאָר אַ גלות־חלום געווען, אַ קינדערשער גלות־חלום פון תנוקות של בית רבים, פון אַ תנוק שנשבה בין הגויים, און מיטן אויפבוי פון ירושלים, מיט דער רעאַליטעט איז מחויב צו פאַרשווינדן טיילן פון דעם סאַמבאַטיאָן, פון דעם „והיינו כחו למים“, פון דעם נאַכט־וואַנדלערישן איבער געטאָ־מויערן, איבער שייטער־הויפנס — — מען מוז אָבער וויסן, אַז גלות איז שטאַפּל פאַר גאולה; אַז דער „אחרית־הימים“ פון גלות איז ערשט דער אָנהויב פון גאולה, אז דער געראנגל פאַר ייִדישער מלוכה און איר קיום, איז לתקן עולם במלכות שדי; און ס׳איז ירושלים, איר הייליקייט, איר אייביקייט, — די גלות־בענקשאַפט צו איר! — דער פיזיש־געוואָרענער חזיון.


## „דאָס ליד פון דעם ייִדישן קעלנער אבראַם“
## די נייע פּאָעמע פון דער דיכטערין חוה ראָזענפאַרב

צו באַקומען ביי:

MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1

— פּרייז 5/6 —

ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי.




### א. פלוני

## א טרער

אוי! איך בין אזוי געיאָגט,
אוי! איך בין אזוי געפּלאָגט,
ווי אַ וואָרים אין מיין הארצן
פרעסט אַן אומעט און ס׳נאָגט.

אין דעם עולם התהו
געבליבן בין איך אַליין,
פאַרמאַכט זיין אלע טויערן,
אַפילו דער שער פון געוויין.

צַה מיין גאָט פאַרנעם מיין תפילה,
גיב מיר נאָך מיין איינציק באַגער,
פון דעם קוואַל פון טרערן
אַן איינציק לויטער טרער.

## ס׳זינקט די זון

(איבערזעצט פון העברעאיש)

ס׳זינקט די זון אין מערב,
אין פורפור רויטן בלוט,
אַזוי זינקט אויך מיין נשמה,
זי איז מיד אין איר מלחמה,
מיט׳ן פלייש און מיטן בלוט.

טעג פליען, טעג פאַרשווינדן
אָן שום נעמען, אָן שום געבן,
אוי! מיין גאָט וואָס איז טויט,
אויב דאָס רופסטו לעבן?

אוי, ווער קען אזוי לעבן,
דאָס אלעס ניט צו פאַרשטיין,
צו אלעס פאַרגעסן און זיך פרייען
אָדער צו געדענקן אלעס און געוויין?

מיין גאָט ערלעב מיר ביזן מאָרגן,
אפשר וועל איך דעם טרוים פאַרשטיין,
עס זינקט די זון עס זינקט מיין נשמה,
וואָלקען קומען דער טאָג טוט פאַרגיין.

## לעא קעניג

# דער מאדעל

(אַ סצענאריא פאר אַ מאָדערנעם פילם).

דאָ אַנומעלטן, ווען איך בין געווען אין פּאַריז, בין איך, ווי מיין שטייגער איז אין מיינע קורצע באזוכן אין דער שטאָדט פון מיין יוגנט, געזעסן ביי אַ טישל אין אַ קאפּע אויף מאָנטפּארנאס מיט אַ פּאָר אַמאָליקע קינסטלער־פריינט און געשמועסט וועגן די אלטע גוטע צייטן און וועגן די נייע ביטערע און ניט זיכערע צייטן.

איז פלוצלינג געוואָרן אַ גערודער צווישן עולם ביי די צענדליקער טישלעך מיט די פארשידענע געטראנקן. אַ שכורלעכע מיטליעריקע פרוי האָט זיך באוויזן און הייזעריק געלאכט, געזונגען און פארשידענע אויסרופן געוואָרפן צו די געסט און גארסאנען פון דער קאפּע, וועלכע האָבן זי, ווייזט אויס, אלע גוט געקענט.

— אָ, זי איז שוין דאָ. — האָט זיך אָפּגערופן איינער פון מיינע פריינט.

— ווער איז זי? — האָב איך געפרעגט, קוקנדיק אויף דער פרוי מיט די פארשכורטע סמנים פון אַמאָליקער שיינקייט.

— ווייסט ניט, דאָס איז דאָך די אַמאָליקע בארימטע מאָדעלקע פון פּ. און ג., און נאָך אנדערע באַרימטע קינסטלער.

און זי איז געווען דעם און דעמס מעטרעסע. — האָט אַן אַנדערער צוגעגעבן.

— פון נ. האָט זי געהאַט אַ זון.

— געווען אַ „מאקי״. אומגעקומען. די נאציס האָבן אים געשאָסן.

ס׳איז געוואָרן שטילער. די גארסאנען האָבן די בארימטע מאָדעלקע אָפּגעפירט אָן אַ זייט, אָדער זי איז אַליין אַוועק אָפּשטעקן אַ באזוך אָן אנדער קעגנאיבערדיקער קינסטלער קאפּע.

— פּאָרטרעטן און שטודיען פון איר זיינען אַזוי פיל מאָל רעפּראָדוצירט געוואָרן אַז זי „הייִנגט״ אין אַ שיינע פּאָר בארימטע גאלערייעס און פּריוואַטע קאָלעקציעס.

*　　*　　*

ס׳איז געוואָרן שטילער און אומעטיקער אויפן בולוואר. טישלעך זיינען געוואָרן פריי. אַ סך פון די קינסטלער און די אויסלענדישע טוריסטן, וואָס זיינען געקומען קוקן אויף די פּאריזער קינסטלער זיינען שוין אָפּגעזעסן זייער צייט. נאָר איך און אַ פּאָר פון מיינע אַמאָליקע פריינט זיינען נאָך געבליבן זיצן. מיר האָבן נאָך ווייזט אויס, געהאַט פון וואָס אַ סך צו טראכטן און שווייגן.

האָט זיך פלוצלינג אָנגערופן דער עלטסטער צווישן אונדז, דער פיינער סקולפּטאָר על. (וועלכער איז ערשט לעצטנס, הייסט עס אויף דער עלטער, אָנגעהויבן אנערקענט און געשעצט ווערן):



איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה פון אַ מאָדעל. אויב איר ווילט איז דאָס אַן אלטמאָדישע, סענטימענטאלע געשיכטע, און אויב איר ווילט, קען די מעשה זיין אַ גוטע סצענאריא פאר אַ מאָדערנעם איטאליענישן פילם. נאָר שטענדיק ווען עס קומט צו רייד וועגן מאָדעלן, מוז איך זיך דערמאָנען אָן „דעם מאָדעל״ וועגן וועלכן איך גיי אייך איצט דערציילן. און איך וויל איר זאָלט מיר גלויבן אַז איך דערצייל אייך אַ מעשה שהיה — ניט קאָמפּאָנירט. אלנפאלס, ניט באוווסטזיניק קאָמפּאָנירט. — האָט ער לאקאניש צוגעגעבן.

אָט די איינלייטונג איז געווען כאראקטעריסטיש פאר דעם בכבודיקן סקופּטאָר, וועלכער איז אי קלאַסיש אי מאָדערן אין זיינע סקולפּטורן, און מיר האָבן פאראינטריגירט געבעטן דערציילן.

מיר האָבן באשטעלט נאָך קאפּע און ער האָט אונדז דערציילט די דאָזיקע מעשה:

*　　*　　*

ס׳איז געווען פאר דער ערשטער וועלט מלחמה. איך בין דאַן נאָך גאָר יונג געווען און האָב שטודירט אין דער דייטשער קונסט אקאדעמיע אין מ. איך דארף אייך ניט דערציילן וועגן דער שטאָדט און וועגן דער אקאדעמיע. איר קענט זיי ביידן גוט. לויט מיין מיינונג אָבער — און דאָס ווייסט איר אפשר ניט — איז דער אינטערעסאנטסטער קלאס אין דער אקאדעמיע געווען אונטער דער השגחה פונם בשעתו בארימטן דייטשן קירכן־מאלער פּראָפ. זעט (נאָמיר אים אָנרופן). אין זיין קלאַס האָט ער געלערנט זיינע שילער די טעכניק פון געמאלטע פענסטער (וויטראזשן) פרעסקאס און ס׳רוב פארשטייט זיך אויף קירכלעכע טעמעס. ס׳איז דאָ עפּעס פאגאנישעס, אָדער רופט עס „העלענישעס״ אין יעדער קונסט אקאדעמיע און דער קלאס איז געווען דער איינציקער רעליגיעזער אָאַזיס אין דעם „קונסט־טעמפּל״. אלנפאלס האָט די אטעליע אויף מיר, וואָס האָב געלערנט אונטער אנדערע פּראָפעסאָרן, אזא איינדרוק געמאכט. און דער קירכן־מאלער האָט טאקע אויף מיר שטענדיק געמאכט דעם איינדרוק פון אַ פּאַסטאָר — מיט זיינע קליינע טריטעלעך און גרויע באקן־בערד און שטענדיק אין שווארצן — און ניט פון אַ מאלער. און איך פלעג שוין ממילא קוקן אויף זיינע שילער אויך ווי אויף סעמינאריסטן, הגם אַ סך פון זיי זיינען געווען עכטע דייטשע באַהעמיער מיטן גאנצן קנאק.

אָבער נאָך מער ווי מיט דעם קירכן־מאלער און זיין קלאַס, האָט זיך די אַקאַדעמיע און דער קלאַס אין דער אַקאַדעמיע אויסגעצייכנט מיט דעם „מאָדעל״ וואָס דער קירכן־מאלער און זיינע שילער האָבן געהאַט. פארשטייט זיך, אַז אין דעם קלאס האָט מען אנמיינסטן געמאלט און געצייכנט אויף רעליגיעזע קריסטליכע טעמעס ווי פארשידענע מאַדאָנאס, פּיעטאס און קרייצונגען. און דער קלאס האָט געהאַט אזא פּראכטפולן, אידעאַלן, האָט זיך מיר דאַן געדאכט, מאָדעל פאר זייערע הייליקע בילדער, הגם ער איז געווען אַביסל צו זיסליך־פּרעדאפאעליסטיש, צו שיין.

אַ מאָדנער מאָדעל געווען. וואָס איז ער געווען? פון וואַנען איז ער גע־

קומען ? ער איז געווען, אָדר זיך געהאלטן, פאר אַ נאַטוראַליסט און שטריינגער וועגעטאַריער. געגאַנגען אין אַ לאַנגער ווייסער העמד, לאַנגע שיין צוקעמטע בלאָנדע האָר און אַ בערדל עפּעס טאַקע אַראָפּ פון אַ קריסטוס בילד. און ער פלעגט שטענדיק שמייכלען, אַזוי תמעוואַטע־קלוג, אָדער קלוג תמעוואַטע. און ער האָט ליב געהאַט זיין ארבעט — פאָזירן — ס׳לעבן. מען האָט אים געקענט געבן די שווערסטע קרייציקונג פּאָזע, האָט ער זי אָנגענומען באהבה. ס׳איז געווען אין יענע נאַאיווע ווייטע יאָרן, ווען מענטשן האָבן נאָך געוווּסט פון „וואַנדער־לוסט״, און באַבערדלטע „טרעמפּס״ אָנגעטון אין עטליכע אויבערמאַנטלען פלעגט מען טרעפן אויף אלע שליאַכן און וועגן אין איירופּע. מען האָט זיי נאָך ניט אינדוסטריאַליזירט. אָבער ער איז געווען שטענדיק ריין־ווייס. אפשר האָט ער דערפאַר אַזוי הנאה געהאַט פון זיין פאַך צו זיין אַ מאָדעל. שטענדיק אין זיין ווייסן העמד און סאַנדאַלן. אַ „נאַטוראַליסט״ פלעגט ער זאָגן איז ער. אויסגעטון פון דער וועלט, אָדער אַריינגעטון אין דער וועלט. און ער פלעגט שטענדיק שמייכלען, אַפילו ווען מען פלעגט אים טרייבן לצנות, ווי למשל, ווען די לאָבוסעס סטודענטן האָבן אים איינמאָל געכאַפּט און אווקגעשטעלט אזוי אז די אויפגעהענדיקע פולע לבנה זאָל זיין ווי אַ ראָד אונטער זיין קאָפּ און ער זאָל אויסזען ווי אַ הייליקער. האָט ער געלאַכט מיט גרויס הנאה.

און דער עיקר די גאַנצע אקאַדעמיע האָט אים אויפגענומען אַזוי אויף זיכער און נאַטירליך, עפּעס ווי ער וואָלט דאָרט באַלאַנגט פון אייביק אָן.

אָט קומט ער, גייט אַוועק און קומט ווידער. און יעדעס מאָל ווען מען זעט אים האָט מען, געמוזט ניט ווילנדיק אַ טראַכט טון : אָט איז ער. פון וואַנען קומט ער ? וווּ וווינט ער.

און אָן ווייסן האָט זיך געקלערט פון ווייסע פעלדער און טייכן גאָלדענע זאַנגען. און מען האָט זיך געשעמט פאַר אָט די נאַאיווע, אָדער אפילו באַנאַלע מחשבות.

* * *

האָט געדאַרפט אויסברעכן אַ מלחמה — די ערשטע וועלט מלחמה — און מען איז פּלוצלינג ווי באַוווּסטזיניק געוואָרן אויף דעם מאָדעל. איך געדיינק די סומאַטאַכע אין דער אקאַדעמיע מיט אים, הגם איך ווי די אנדערע אויסלענדער זיינען געווען פאַרנומען מיט אַ אייגענער סומאַטאַכע : געדאַרפט פאַרלאָזן דייטשלאַנד, אָדער פאַרשפּאַרט ווערן ווי שונאים. אָבער אלע האָבן געפונען צייט זיך זאָרגן וועגן אים, דעם מאָדעל. וואָס וועט זיין מיט אים ? וועט מען אים אויך רופן ? מען האָט גאָרניט איינגעזען אז ס׳איז אַ נאַרישע פראַגע.

און ווען ער האָט טאַקע אויפגעהערט קומען, און מען האָט זיך דערוווּסט אז ער איז טאַקע מאָביליזירט איז טאַקע אויף אַ קורצער רגע געוואָרן אַ אמת׳ע פּאַניק צווישן די שילער און פּראָפעסאָרן אין אלע קלאַסן. אויך אים ? אויך „עזוסן״ ווי מען האָט אים וואַכנדיק גערופן.



אַפילו דער אלטער קירכן־מאַלער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּאַסטאָר איז געלאָפן אין קריגס מיניסטעריום. וואָס הייסט, אַזאַ פּראַכטפולן מאָדעל פון אַזוי פיל הייליקע בילדער . . . וואָס וועט מען טון אָן אים ? דער אלטער פּראָפעסאָר האָט זיך געקאָכט, געפּלאָנטערט מיט דער צונג, ניט געוווּסט וואָס ער רעדט. „אַזאַ מינוט פון שגעון אויף אים אָנגעפאַלן״ — האָט ער דערנאָך זיך מודה געווען. פאַרגעסן אויף דער מינוט אז ער איז צום אלעם ערשטן אַ דייטש און פּאַטריאָט.

אָבער ס׳האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געהאָלפן.

איך האָב געמוזט, ווי איר פאַרשטייט, אין גרויס איילעניש דעמאָלט פאַרלאָזן דייטשלאַנד. אָבער איך געדענק נאָך די פאַרזאָרגטע, אויסגעבלאַסטע פּנימער פון די סטודענטן, וועלכע האָבן זיך אין ריידלעך געשושקעט : מען האָט אים מסתמא מאָביליזירט... און אז ס׳האָט זיי אויסגעזען עפּעס ווי מאָדנע און אַזוי ווי אַ פאַרשווערונג.

„אים ? דעם מאָדעל ? אַזאַ פּראַכטפולער מאָדעל געווען״.

* * *

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען מען האָט שוין געקענט זיך צונויפרעדן מיט דייטשן האָב איך זיך אויף אים אַ פּאָר מאָל נאָכגעפרעגט ביי מיינע געוועזענע קאָלעגן אין דער אקאַדעמיע. און דער ענטפער איז געווען : „פאַרשוווּנדן... מען ווייסט ניט... מסתמא...״

איצט, נאָך דער לעצטער, צווייטער וועלט מלחמה, פרעג איך שוין ניט אויף אים.

* * *

איך מיין אַז מיין פריינט, וואָס האָט אונז דערציילט די מעשה איז געווען גערעכט אין זיין אָפּשאַצונג :

אַ אלטמאָדישע סענטימענטאַלע מעשה, און דאָך אַ גוטע סצענאַריא פאַר אַ מאָדערנעם פילם.

---

## יוסף הלל לעווי

### רייזע איינדרוקן פונם קאָנטינענט

### בריסל

2

בריסל, אָדער ווי מען רופט עס — „קליין פאַריז״, איז באמת אַ פיין געשליפן שפּיגעלע ; איינגעפּאַסט אין אַ גרויסשטאָטישן בעלגאַליש־צעבליצטן מאַסיוון ראַם, וואָס האַלט אלעס צוזאַמען.

אָבער באַזונדערס בליצט דאָס שמוק־קעסטל אין אָוונט...

און מען פילט זיך דאָרט נישט אַזוי פאַרלוירן ווי אין פאַריז, נאָר עפּעס היימלעכער. דאָרט שמעקט עס מיט דער וואַלאָנישער לייכטקייט און מיט

דער לייכטזיניקער גראַציעזקייט, פון די תמיד כמעט האַלב פון ווײַן און ליבע פאַרשיכורטע פראַנצויזן. דאָרט שפּרודלט די נאַאיווע לעבנסלוסטיקייט, — להיפוך צו דער פלעמיש־פויערישער שווערקייט, און בייזלעכער־ערנסטקייט; וואָס דערמאָנט אומווילקירלעך אָן זייערע קרובים: די דייטשן — ימח שמם וזכרם!

מען קאָן מיט אַ ריינעם געוויסן זאָגן: די וואַלאָנען זיינען זער ליבנסווירדיק און פריינטלעך, ביז צו דער „דואַן" — פון וועלכער גאָט זאָל דיך שומר ומציל זיין, אַז דו זאָלסט חלילה אין זייערע הענט נישט אַריינפאַלן בשוגג, צו במזיד, אַלץ איינס. ווייל זייער ביוראָקראַטישע קליינלעכקייט, אָדער קליינלעכע ביוראָקראַטיע, — שטייגט כמעט אריבער דעם גרעסטן פראַנצויזישן פיליסטער און בורזשוי...

אויך דאָס יידישע לעבן אין בריסל, האָט דאָרט שוין נהנה געווען — פון דער גלאַנציקער פארבנרייכקייט, און טראָגט דאָרט אויך שוין אַ ברייטערן און טיפערן כאַראַקטער: מיט די פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציעס, הילפספאַראייען, ליטעראַרישע אונטערנעמונגען, צוגאָב־שולן, וכדומה.

נאָר פאַרשטייט זיך מיט אַ וועזנטלעכן אונטערשיד פון דעם אַמאָל...

אָבער אָפּגעזען דערפון לעבט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין קאָנטינענט איצט איבער, (אויב מ׳קאָן זיך אַזוי אויסדריקן) אַ קאָלעקטיווע דעפּרעסיע, האָט מיר דער שריפטשטעלער און דיכטער ישעיה זאַנדבערג דערציילט.

„אין די יאָרן 45־46, האָט עס דאָ געווימלט מיט געזעלשאַפטלעכקייט (כ׳מיין אַלס אין פּראָפּאָרץ) צום געמינערטן ישוב שוין סוף 1944 האָבן זיך געעפנט יידישע צוגאָב־שולן, ביבליאָטעקן און זומער־קאָלאָניעס האָבן נאָכגעפאָלגט אין 45־סטן יאָר. אין דעם דאָזיקן יאָר איז אויך דערשינען אַ ביכל קינדער־לידער: „האַנט אין האַנט", אַרויסגעגעבן פון דער געזעלשאַפט „שול און דערציאונג" ביי די לינקע פועלי־ציון. און אין 45־סטן יאָר איז אויך געוואָרן אויפגעשטעלט אַן „אַמאַטאָרן־טעאַטער", אונטער דער לייטונג פון משה פּאַטאַשינסקי. ס׳האָבן זיך ענטוויקלט יוגנט־אָרגאַניזאַציעס ביי די עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען: ציוניסטישע, ווי „פועלי ציון רעכטע" און „פועלי ציון לינקע", „סאָלידאַריטעט", „בונד", אָרטאָדאָקסישע און בירגערלעך ציוניסטישע.

היינט צו טאָג זיינען פאַראַן צוגאָב־שולן ביי „מפם", ווו ס׳לערנען זיך במשך אַ 60־70 קינדער; ביי די רעכטע פועלי ציון — אַ 50 קינדער, „סאָלידאַריטעט", אַ 150; „בונד" — אַ 60 קינדער, „אָרטאָדאָקסישע צוגאָב־שולן" — ווו ס׳לערנען צוזאַמען אַן ערך פון 200 תלמידים, און אַן אָרטאָדאָקסישע טאָג־שול מיט 125 תלמידים.

אויך האָבן מיר „אַ פאָלקס־טעאַטער" אונטער דער אָנפירונג פון ר. פּעסלער. דאָס פאָלקס־טעאַטער האָט ביז היינט אויפגעפירט: „דעם אייביקן ניגון" פון פּרץ, „סטעמפּעניו" פון שלום עליכם, „די כשוף־מאַכערין" פון א. גאָלדפאַדען, „אונדזער ערד" פון אשמאַן, און עטלעכע קליינקונסט־אָוונטן. די אַלע



ספּעקטאַקלען זיינען געשטאַנען אונטער דער לייטונג פון יעקב מאַסענדאָרף, וועלכער איז מיט עטליכע חדשים צוריק עולה געווען קיין ישראל. פּעסלער וועלכער האָט איבערגענומען די פירונג נאָך מאַסענדאָרפן, גרייט איצט צו די אויפפירונג פון „המנס מפלה" פון סאַוועס.

פאַרשידענע אונטערנעמונגען זיינען אין די יאָרן סוף 44־49, געגעבן געוואָרן דורך די געזעלשאַפטן, וואָס גרופירן זיך אין די פּאַרטייען פון אַלע באַקאַנטע ריכטונגען.

אין פעברואַר היי־יאָר איז דערשינען „אונדזער ליד", אַרויסגעגעבן פון ישעיה זאַנדבערג אונטערן פּאַטראָנאַט פון בעלגישן אָפּטייל פון קולטור־קאָנגרעס, די צווייטע זאַמלונג („לידער מיט נאָטן") גרייט זיך איצט צום דרוק.

אין דעם שוין ארויסגעגעבענעם ביכל, „אונזער ליד", צוזאַמענגעשטעלט פון י. זאַנדבערג, געפינען זיך: אַ ליד פון חוה ראָזענפאַרב „ווו ביסטו זונעניו" מוזיק פון יצחק היילמאַן; „אפשר", טעקסט פון רחל בלאַשטיין, איבערגעזעצט פון העברעאיש דורך ש. זאַנדבערג, מוזיק פון י. שערמאַן; „ממעמקים". טעקסט: י. זאַנדבערג, מוזיק י. היילמאַן; „כ׳וועל אייך דערציילן אַ מעשה" (לויט אַ פראַנצויזישן קינדער־מאָטיוו), טעקסט: י. זאַנדבערג; „ס׳איז דאָ אַ לאַנד ווו ערגעץ", טעקסט פון שאול טשערניכאָווסקי, איבערזעצט פון העברעאיש דורך י. זאַנדבערג, מוזיק י. ענגל. די הילע איז געצייכנט פון יעקב שטאַרקער.

בכלל מאַכט דאָס לידער־ביכל אַ זער גוטן איינדרוק, וועלכעס איז אַרויסגעגעבן דורכן בעלגישן אָפּטייל פון „אַלוועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס" אין בריסל, און מיט מבינות צונויפגעשטעלט דורך דעם זער טאַלאַנטירטן פּאָעט ישעיה זאַנדבערג.

ס׳זיינען אויך געמאַכט געוואָרן פאַרשידענע פּרוּוון אַרויסצוגעבן צייטונגען, אָבער זיי האָבן נישט מאריך ימים געווען. איין צייטונג גייט אַרויס כסדר, דאָס איז „אונדזער וואָרט" אַרויסגעגעבן פון „מפּם" 4 מאָל אין וואָך. די דאָזיקע האָט נאָך אָנגעהויבן צו דערשיינען אין דער אָקופּאַציע־צייט, ווי אַ חודש־אויסגאַבע).

בנוגע דעם ליטעראַרישן וועלטל דאָ, — איז כדאי צו דערמאָנען, אַז שוין עטלעכע מאָל זיינען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו גרינדן אַ שטיקל פאַרבאַנד, אָבער דאָס גיט זיך דאָ נישט איין צוליב פאַרשידענע סיבות.

און בכלל גענומען האָבן מיר נישט אין בעלגיע קיין יידישע שרייבער, וואָסאָ דאָס שרייבן זאָל זיין זייער פרנסה. ס׳זיינען פאַראַן ביי אונז פען־מענשן, ווי די באַוווסטע דיכטערין חוה ראָזענפאַרב, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט לערעריי. זי איז געווען אַ לערערין אין דער שול פון „אַרבעטער רינג" און אויך געגעבן פּריוואַט לעקציעס. זי איז דעם ווינטער אָפּגעפאָרן אין קאַנאַדע. פּייוול בלאַך — שרייבט קינדער־מעשהלעך אין פערזן און איז אויך אַ לערער פון העברעאיש און יידיש. בינעם צוקער באַקאַנט אין דער ליטעראַרישער וועלט. אהרן דאַרף, באַקאַנטער זשורנאַליסט, אברהם ריבע, רעדאַקטאָר פון

„אונדזער וואָרט", אַ זער הארציקער ליבער מענטש און פעאיקער שרייבער. (דער איינציקער וואָס ציט זיין חיונה פון שרייבן.) שפרה ווערבער, מארי פינגער, און אברהם קוטנאוווסקי.

אַחוץ דעם זענען פאראן עטליכע וואָס שרייבן ארטיקלען פון צייט צו צייט: ווי ישראל מארגנשטערן, לעמעל פינקערט, משה אלבערט, וכדומה.

צווישן די לערערס פון די צוגאבס־שולן געפינען זיך אונטער אנדערע: מרים קאַץ, שלמה שווארצבורג, ישראל מארגענשטערן, פרוי וואויטשיך, פרוי קלעטשקא, פרוי יוטשען, ברוך מייזל, מירעלע ק. און אנדערע.

ווי שוין פריער באמערקט מאכט דאָ אין איצטיקן מאָמענט דער יידישער ישוב אַדורך אַ געוויסע דעפרעסיע.

די אקטיווסטע מענטשן זיינען זיך צופאָרן, פון די נישט ציוניסטישע קרייזן פאָרט מען אויך — קיין אויסטראליע א.א.וו. אויך די מאטעריעלע לאגע האָט זיך דאָ געענדערט צום שלעכטן. דער עולם איז געוואָרן פאַסיוו אין אלע פרטים. און ס'קומט דאָ אויס זער שווער אין איצטיקן מאָמענט אדורכצופירן וועלכע ס'איז געזעלשאפטלעכע אַקציע.

ליידער האָב איך אין בריסל מחמת פארשידענע טעמים זיך נור געקאָנט איניקע טעג אויפהאלטן, — דערפאר האָב איך זיך נאָר געקענט באגעגענען מיט איניקע חברים — ווי אברהם ריבא, ישעיה זאנדבערג און חוה ראָזענפארב, וועלכע האָבן מיך זער הארציק און ברידערלעך אויפגענומען.

צו די אנדערע אָרגאניזאציעס, צו וועלכע איך האָב זיך געהאט געוואָנדן אַפילו נאָך פון לאָנדאָן אויס, איז מיר ביז היינט נאָך די תשובה אויסן געבליבן. און דאָס איז נאָר געווען דערפאר, (האָב איך ווידער דעם איינדרוק געווינען) ווייל מיין פירמע איז נישט געווען קיין פארטייאישע...

און היינט — ווי מען האָט מיר דערקלערט (פון קאָמפעטענטע שטעלן) מוז מען גיין רעכטס, אָדער לינקס; קיין מיטן־וועג איז מער נישטאָ, ווייל אין דער מיטן, גייען נאָר אָקסן און פערד...

איך האָב זיך צום סוף פונקט אַזוי עלנדיק ווי אין אנטווערפן — אויך אין בריסל ארומגעדרייט אין די אמאָליקע יידישע געסלעך און קווארטאלן, און מיט נישט ווייניקער הארצווייטיק דערזען ווי אויך דאָ האָבן ריינראַסיקע וואַלאָנען פארנומען די אמאָליקע יידישע געשעפטן און וווינונגען. און גלייכצייטיק טאָר אויך נישט פארשוויגן ווערן, אז אַ נישקשהדיקע צאָל פון דער ברי־סעלער באַפעלקערונג וואָס האָבן זיך לכתחילה געהאט סאָלידאַריזירט מיט די יידן אנטקעגן די דייטשן, האָבן דערנאָך אויך זיך נישט געשעמט צו רויבן און צו פלינדערן „יידיש האָב און גוטס". און ווען עס איז געווען נויטיק אַפילו אויך די טירן פון די ווענט אַרויסצורייסן, — זאָרגפעלטיק און גרינדלעך אַזוי ווי' מען האָט עס געלערנט פון די פארהאסטע דייטשן ימח שמם וזכרם!

איך וויל זיך נישט שעמען אויסצוזאָגן אַז אויך אין בריסל איז עס פאַר מיר נישט געלונגען צו ארגאנזשירן אַ לעקציע, אָדער אן אָוונט אויף וועלכן איך האָב געזאָלט קענען לייענען מיינע זאכן.



איך קאָן נישט באהויפטן אַז די שלעכטע זומערצייט זאָל ניט האָבן אומגינסטיק צוגעשפילט צו דעם, — איך קאָן אָבער אויך נישט באַהויפטן, אַז מען זאָל זיך האָבן צו שטארק מוסר־נפש געווען דערפאר. (מיטן אויסנאם פון די פריער דערמאָנטע פריינט). וואָס איך קאָן אָבער יאָ באהויפטן איז, אַז אַ יידישער שרייבער, וואָס קומט נישט אָן מיט אך און קראך! און שרייט נישט אַז ער איז — דער, און דער! און געשאפן אזוינס און אזעלכעס, אָדער געהערט לכל־הפחות צו דער אָדער יענער פאַרטיי — ווערט פון קיינעם נישט געזען און באמערקט. אָדער בעסער געזאָגט — מען וויל אים פשוט נישט באמערקן און זען... הגם דער שרייבער זעט יעדן און באמערקט אלעס... ער געפינט זיך אין דער זעלטזאַמער לאַגע: צו זיין אַ „רואה ואינו נראה". אמת טאַקע בעל כּרחה, אָבער נישט מינדערער דערפאר...

עס דארף דאָ נישט דערוועקט ווערן דער איינדרוק, אַז דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות זאָל וועלן האָבן געזוכט אויף דעם חשבון פון דעם אַנדערנס מינימיזירונג — זיך אַרויסהייבן. פארקערט, ער איז נאָר אויסן געווען צו באווייזן די אומריכטיקע איינשעצונג.

---

## נסים ראַצאבי־יאַאיש (אַדען, תימן)

## תימנ׳ער יידן האָבן אַ יום־טוב

„מתימן לציון" — אזוי הייסט מיין אציטיקער בריוו צו אייך. איך קאָן מיך שוין האַלטן פאר'ן לעצטן מאָהיקאנער אין „גלות תימן" ווייל אונזער תימנ׳ער ישוב צופליט זיך אין אויראָפּלאנען פון דאנען קיין ישראל.

„על כנפי נשרים" — איז דאס געפליגעלטע ווארט וואס דו הערסט דא אומעטום. אט בין איך איצט געווען אויפן וועג פן שארעף קיין אדען געשלעפט זיך מיט איין אייזעלע און אט בין איך שוין אין אדען און כאטש ס'בלאנזען נאך דא ווינטלעך פון ענדע ווינטער, ווייזט זיך שוין אויפ'ן הימל אין אדען אַ ווארימע זון, וואס קושט אונז מיט אירע העלע שטראלען. דא און דארט שטעקן בלימעלעך ארויס זייערע קעפעלעך. זיי ווארימען זיך שוין ארום דער זון.

ס'הויבט זיך איצט אן דער פרילינג פאר די געפלאגטע יידן פון תימן, וואָס ווילן פארן העלפן אויפבויען די מדינת ישראל. און בעת דו שפאַצירסט איצט אין די היגע גאסן, קענסטו אָנטרעפן זייער אסך יידן פון ראמאד, חידאן, צנעא, שארעף, שארער און אנדערע שטעטלעך פון טיף תימן.

אייגענטליך האט שוין חיבת ציון ביי אונז אין תימן אַ היסטאריע. נאך זינט ס'איז פראקלאמירט געוואָרן די מדינת ישראל גייט אן אן עליה פון תימן קיין ציון.

אייגענטליך האט שוין „חבת ציון" און עמיגראציע קיין ארץ־ישראל, אָ לאנגע געשיכטע ביי אונז אין תימן. נאך אין יאר 1911 איז געקומען אהער פון ישראל שמואל יבניאלי און אהערגעבראכט די בשורה פון נייעם

ארץ־ישראל. עס האבן זיך דאן באלד א לאז געטון אַ סך תמנ׳ער יידן קיין ישראל. יענע האבן שוין דארט אייגענע ישובים, מחנה, ביי פתח־תקוה, שערים באַ רחובות און אנד.

מסתמא קענט איר אים, ווייל מען קאן דאך אים אומעטום. איך מיין דעם ד״ר אלכסנדר ראזענפעלד, וואס איז א בן־בית מיטן גאנצן כדור הארץ און א נאנטער מחותן אויך מיט תימן. ער האט אין מיטן סאמע מלחמה יארן, ווען עס איז געווען פארבונדן מיט מסירות נפש און סכנת נפש אהער געשיקט צו אונז א שליח פון „ברית עברית עולמית״ בעת ער איז געווען אין די נאנטע מזרח לענדער און ער האט אָפגעגעבן אַ לעבעדיקן גרוס פון ארץ־ישראל.

בעת ס׳איז דא ביי אונז געווען דער שליח פון „ברית עברית עולמית״ האט ער אויך אָסך אויפגעטאן בכדי צו דערנענטערן אונזער שבט מיט די יידן פון ישראל. ער האט דא אפגעגעבן א לעבעדיקן גרוס פון „שיבת ציון״ און „נוה ציון״, „נחליאל״, „טירת שלות״, „אלישיב״ און אנדערע לויטער תימנ׳ער ישובים און קיבוצים אין ישראל. ער האט דא צעטיילט העפטלאך פון „עם וספר״ וואס דער ברית גיט ארויס אין תל־אביב, אונטער דער רע־דאקציע פון נתן גורן (גרינבלאט) און די ספרים׳לאך „עורי תימן״, „שבות תימן״ פון ר׳ אברהם טביב, וואס דער קרן הקיימת האט ארויסגעגעבן.

דערמיט האט זיך די ארבעט נאך נישט אויסגעשעפט. ד״ר אלעקסאנדער ראזענפעלד, דער וואנדערענדיקער אמבאסאדאר, וואס וואגעלט שוין יארן ארום איבער דער וועלט, בכדי צו דערנענטערן אָפּגעשטאנענע יידישע שבטים צו יידיש לעבן, האט אין אדען און אין צנטע געעפענט „חדרים מתוקנים״, ווו מען לערנט העברעאיש.

איך האב אקארשט באזכוט אזא „חדר מתוקן״. דער מלמד זיצט אויסגע־זעצט מיט די קליינע תלמידים׳לעך און מען לערנט חומש מיט רש״י. דער חומש ווערט פארטייטשט אין א מאדערנעם העברעאיש.

אַן אויסטערלישער טיפּ איז דער דאזיקער „מורה״, וואס גרייט צו אַ דור פאר ארץ־ישראל. ער איז פון די שווארצע יידן אין אינדיע. אַ לאנג יאָרי־קער תושב פון די הויכע בערג אין די הימאלאיען. ער האט דארט איבער־געלאזט א ווייב און קינדער און ער איז דא אויפ׳ן וועג קיין ישראל. אינ־צווישן קנעלט ער אונטער צוביסלעך. ער איז אויך א שטיקל מגיד און שבת צו נאכטס האט ער געהאלטן אין שוהל א פייערדיקע דרשה וועגן ארץ־ישראל, שילדערענדיק פארן עולם די ארץ־ישראל׳דיקע לאנדשאפט, די בערג פון כנען, דעם כרמל, דעם לבנון.

די דרשה זיינע איז געווען איינדרוקספול. ער האט געשילדערט פארן עולם די ארץ־ישראל׳דיקע לאנדשאפט און דאס יידישע לאנד אלס א לאנד פון פארשיידענע קלימאטן און לאנדשאפטן, ווו די תימנים זיצן זיך יעדער איינער תחת גפנו ותחת תאנתו. איצט געפינען זיך שוין ס׳רוב דארט אין אויסגעבענקטן לאנד פון אונזערע אבות.

יידיש ש. ערנסט



ס. פאלמע

## דעם ריטערס שפיגל

(אַ. ווידמונג)

וואָס באַווייזט דיין שפיגל דיר און וואָס דערציילט ער?
אַז דאָס אויסבעהאַלטענע אַלץ איינס פאַרפעלט ער;
ס׳דערציילט דער שפיגל קיינמאָל ניט פון בראשית;
קאַלט און הייס־איז
ווען דער שפיגל וויזט ווי פרעמד דו ביזט און אַלט;
זעסט זיך ווי אַ בלעטל אינם האַרבסט וואָס פאַלט:
מיט לצנות יאָגט דער ווינט עס הין און הער,
דעמלט ווערט דער שפיגל פלוצים לער, —
ס׳מאַכט אַ פרעמדער שפּאַס מיט דיר, דו ווייסט ניט ווער.

ווערן רעיונות אַנדערש ווי די וואָס זיין געווען;
האָסט אין שפיגל קיין אַנדערן געזען,
נאָר זיך, דעם ריטער, אויף אַ ווייס־פאַרשייטן פערד,
ערד
איז דיין פעדאסטאַל געווען וואָס האָט געדינט.
ווינט
איז אין שטענדיקן שליחות געגאַנגען דיין טראָן צו דערמאָנען.
טויזנט זונען
האָסטו איינגעשפאַנט דיין סטאַטוע צו באַשיינען.
האָסט אין פיינען
פאַרגעסן; —
האָט דער עלנט דעם ריטערס טראָן צעפרעסן!...

לאָכט דער „פרעמדער״ זיין סאַרדאָנישן געלעכטער.
ביי דעם שפיגל ווי אַ וועכטער
שטייט ער,
דיין באַגלייטער,
דיין וחשבון איינצעמאָנען און דו שווייגסט
און שוויגנדיג לאָמענטירסטו און דו שטייגסט
אַ געריניקטער און מיט אמת׳ן נייע!
פרייע!
דו פאַראייגנסט זייער פרייד און צער; —
ס׳זיין די אמת׳ן אָצינד מאַיעסטעט און האַר!...

ש. זאַלקין

## אין אונדזס שעה

די זון איז פאַרגאַנגען,
דעם טאָג ווו פאַרפירט;
אַ שאָטן פון מעריב
מיך שטיל האָט באַרירט;

געשעפּטשעט פּאַמעלעך:
גיב שלום דער נאַכט,
שפּין אויס די חלומות,
וואָס דו האָסט פאַרטראַכט.

ביים טאָג ביסט פאַרנומען,
אין יאָך זיך פאַרשפּאַנט,
דיין ברויט צו פאַרדינען,
דו שטעקסט אין געוואַנט.

די נאַכט איז אַ פרייע,
פאַר לידער און טרוים;
עס קלינגט און עס פלאַטערט,
אין הימלשן רוים.

און אויב דו קאָנסט הערן,
פון שטערן אַ קלאַנג,
דאַן זינג אויס אין שטילקייט
אַ שענסטן געזאַנג.

אַזוי האָט געשעפּטשעט
אַ שאָטן צו מיר,
און פאַרמאַכט איז געוואָרן
די זוניקע טיר.


„ירושלים" פון א. נ. שטענצל

אַ בוך פון איבער 140 זייטן לידער, פּאָעמעס, באַלאַדעס

פּרייז: 7/6

צו באַקומען אין אַלע בוכהאַנדלונגען




אליהו פּאָלושאַק

## ריטער אָן מורא און טאַדעל...

(געווידמעט דעם ליכטיקן אָנדענק פון פראַנץ קורסקי)

דער נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענער באַרימטער ענגלישער עסייאיסט, ראָבערט לינד האָט געהאַט אַ נאָענטע און זייער וואַרימע באַציאונג צו געוויסע גרויסע צייטגענאָסן. ווען סטעפאַן צווייג איז צום סוף פון דער לעצטער וועלט־מלחמה צוזאַמען מיט זיין פרוי באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, האָט ער אים אין אַ האַרציק און וואַרים־סטיליזירטן עסיי געשטעלט אַ דענקמאָל. די איבערשריפט האָט געהייסן: „דער לעצטער ציוויליזירטער אייראָפּייער".

ווען ס'איז צו מיר דערגאַנגען די ידיעה וועגן דעם פּלוצימדיקן טויט פון פראַנץ קורסקי (כבוד זיין אָנדענק) איז אין מיין זכרון אויפגעטויכט אָט די דערמאָנטע איבערשריפט און דער טיטל פון סטעפאַן צווייג'ס לעצט בוך „די וועלט פון נעכטן", דערשינען אַ יאָר צוויי פאַר זיין טויט.

עס איז די וועלט פון נעכטן, אין וועלכער עס לעבט נאָך אַ קליינע לעגיאָן פון אייראָפּייאישע אידעאַליסטן־קעמפער, ריטער אָן מורא און טאַדעל, וואָס האָבן איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט פון זייער שטורמישן לעבן אַוועקגעגעבן דעם אומאויפהערלעכן קאַמף קעגן טיראַניע און אונטערדריקונג, פאַר רעכט, פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג פון „די ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט" אומעטום אויף דער גאַנצער וועלט, אָן אונטערשייד פון פאָלק, גלויבן, ראַסע. עס איז די וועלט פון נעכטן, ווען די גרויסע הערלעכע אידייע פונעם דעמאָקראַטישן פרייהייטלעכן סאָציאַליזם דרינגט אַריין אָפן און פאַרשטעקט אין אַלע ווינקעלן פון אַ נאָך־נישט דעגענערירטן און וואַנדאַליסטיש־טויטאַנישן אייראָפּע. אין צענטראַל־ מערב־ און דרום־אייראָפּע און אין אַלע סקאַנדינאַווישע לענדער וואַקסן אויס מעכטיקע סאָציאַליסטישע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, וואָס שיקן גרויסע פראַקציעס אין די לאַנדעס־פּאַרלאַמענטן, ווו זיי לאָזן הערן זייערע שטימען אין קאַמף פאַר פּראָגרעס, סאָציאַלע רעפאָרמען און מיט באַשטימונגס־רעכט פונעם אַרבעטער־קלאַס אין אַלע ענינים פון לאַנד.

עס איז נאָר דאָס גרויסע און מעכטיקע צאַריסטישע רוסלאַנד, פון וולאַדיוואָסטאָק ביז צו פּרייסיש־דייטשער גרענעץ, די לעצטע באַסטיאָן פון פינצטערקייט, באַרבאַריזם, אומוויסנקייט און קאָרופּציע אין אונדזער אַלטער וועלט, ווו אונטער אַ שטרענגער צענזור און אומברחמנות'דיקער פּאָליציילעכער אָכראַנאַ. ס'איז קוים מעגליך אָנצופירן אויפקלערונג און פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ נייע וועלט און אַ ניי פריי לעבן.

נישט פּאָליציי, צענזור און אָכראַנאַ זיינען געווען גענוג שטאַרקע באַריערן קעגן דעם נייעם צייטגייסט. אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט זיינען טיראַניעס אויפגעשטאַנען, האָבן געבושעוועט מיט אכזריות, און זיינען דאָך שפּעטער געוואָרן צעשמעטערט. אין רוסלאַנד זיינען ביי די אונטערדריקטע קלאַסן און אונטעריאָכטע פעלקער געבוירן געוואָרן געהיימע סטיכישע

כחות, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען אַ סוף צו מאַכן צו דער אָרעמקייט, נויט, פאַרשקלאַפונג, פינצטערקייט, ווילקיר און אומוויסנקייט, וואָס האָבן געהערשט אין די ווייטע שטחים פונעם מעכטיקן לאַנד.

אָט די געהיימע סטיכישע כחות זיינען געפירט געוואָרן פון יחידים — אידעאַליסטן, פיאָנערן און בויער, אומלעגאַלע טוערס, וואָס האָבן שטענדיק ריזיקירט זייער פרייהייט און לעבן. געיאָגט פון אָרט צו אָרט, באַשפּיצלט פון אכראַנאַ, אַגענטן און פּראָוואָקאַטאָרן, איז עס זיי דאָך געלונגען אונטער דער נאָז פון דער מעכטיקער ברוטאַלער מלוכה־פּאָליציי אויסצובויען ווייט־פאַר־צווייגטע פּאָליטישע און רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אַפילו אין די פינצטערסטע שעהן פון רעאַקציע נישט אויפגעהערט צו קעמפן פאַר דעמאָקראַטיע, פרייהייט און סאָציאַליזם.

צו די דאָזיקע פּיאָנערן און בויער, ריטער אָן מורא און טאַדעל האָט גע־הערט דער איצט אין ניו־יאָרק פלוצים פאַרשטאָרבענער פראַנץ קורסקי. אין דער גלאָריען־רייכער צייט פונעם אומלעגאַלן „בונד“ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיך געהיימע פּאָליטישע פעדעם געצויגן צו אים פון סיביר, ווילנע, מינסק, וואַרשע איבער קעניגסבערג, בערלין און ציריך . . . פראַנץ קורסקי איז אַ שטיק געשיכטע פונעם יידישן און אייראָפּייאישן סאָציאַליזם.

ס'איז אַלעס אנדערש געקומען, ווי די פּיאָנערן און בויער האָבן פאַרויס־געחלומט און פאַרויסגעשטרעבט. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע 1917 האָט מיט זיך געבראַכט די פּערמאַנענטע שפּאַלטונג פון דער סאָציאַליסטישער אַרבע־טער־באַוועגונג; דער זיג פון היטלעריזם און די צווייטע וועלט־מלחמה — די פאַרניכטונג פון די גרויסע פאָלקס־יידישע ישובים אין מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע און די אָפּשוואַכונג פונעם דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם אין אַ טייל אייראָפּייאישע לענדער. עס איז געווען די צייט פונעם גרויסן חורבן.

צו די געציילטע געראַטעוועטע און אנטלאָפענע האָט אויך געהערט פראַנץ קורסקי. ער האָט זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, און בלייבנדיק געטריי זיינע אַלטע אידעאַלן, האָט ער ווייטער געווירקט מיט זיין קלוגער געשליפע־נער פען. עס איז נישט מער געווען דער ברען פון אַמאָל. די סביבה אין ניו־יאָרק און אינעם גאַנצן צפון־אַמעריקע איז אים געבליבן פרעמד. נישטאָ דאָרט דער ענטוזיאַזם און די פאָלקס־מאַסן פון דער אַלטער היים פון אַמאָל, נישטאָ די וואַרעמקייט; ליבשאַפט און סאָלידאַריטעט ווי אין יענע צייטן פון קאַמף, קאָנספּיראַציע און ווידערשטאַנד.

פראַנץ קורסקי איז אַמאָל געווען צופיל ציוויליזירטער אייראָפּייער כדי צו קענען זיין גליקלעך און צופרידן אין דער פרעמדער סביבה פונעם גיגאַנ־טישן און נשמה־אָרעמען אַמעריקע. אייראָפּע האָט זיך אַליין געשענדעט און פאַראַטן . . . נישטאָ קיין וועג צוריק פאַר אים, און דעם וועג צו אַ נייעם אי־דעאַל האָט ער נישט געפונען.

און ער איז אַוועקגעגאַנגען פון אונדז אַ שטאָלצער, אַן ענטוישטער, אַמאָל גרויסער פּיאָנער און בויער; זיינע חלומות נישט דערפילט — אַ ריטער אָן מורא און טאַדעל.



א. מייטוסי

## כ'בין גליקלעך...

כ'בין גליקלעך איצט אין אָוונט צייט!
ווייסט איר דען שטערן? כ'בין גליקלעך איצט אין אָוונטצייט!
ווייסט איר דען וואָס ס'זינגט מיין אינגעווייד?
כ'בין גליקלעך איצט אין אָוונטצייט!

אין מיין נשמה צונטערן פלאַמען רויטע,
לעשט איך אויס שטערן: אין דער נשמה צונטערן פלאַמען רויטע
אָנצונדן וועל איך אויף אָוונט־בערגער קנויטן:
אין דער נשמה צונטערן פלאַמען רויטע.

נאַכטפעלדער, ווייטע פליינען
איך אייל צון אייך, נאַכטפעלדער, ווייטע פליינען
צו טראָגן מיין ליבשאַפט, די חשכות צו באַשיינען
נאַכטפעלדער, ווייטע פליינען!

וואָס שעפּטשען דיביימער?
כ'באַנעם די פּראַכט פון אייער שעפּטש: יע, ביימער איר זענט מיך מקנא,
ווייל מיט ליבעניש איז ס'שענסטע מיידל מיך מהנה,
יע, ביימער, איר זענט מיך מקנא!

וואָס וויגעוועט דער ווינט?
דו וועסט נישט אָניאָגן די פאָלע פון מיין קלייד,
מיין ווינט האָט פליגל אויסגעשפּרייט —
וואָס מיגעוועט דער ווינט?

כ'בין גליקלעך איצט אין אָוונצייט!
ווייסט איר דען שטערן? כ'בין גליקלעך איצט אין אָוונטצייט
ווייסט איר דען וואָס סע זינגט מיין אינגעווייד?
כ'בין גליקלעך איצט אין אָוונטצייט.

ש. ספּיוואַק

„דער משפּט“ פון מאָריס קאַץ
פּרייז 15 שילינג
צו באַקומען אין בוך האַנדלונגען און ביים מחבר:
M. KATZ, 85a, LORDSHIP PARK, LONDON, N.16

## הערש שישלער (יאָהאַנעסבורג)

# דערציילונגען פון „טעג אַזעלכע“

(מלך טשעמני — „טעג אַזעלכע“, פאַרלאַג „פועלי־ציון“, מינכען, דייטשלאַנד.)

ביי דער שארית־הפליטה שרייבער־פּלעיאַדע זיינען דערשינען פיל יידישע ביכער, פּראָזע און פּאָעזיע. כמעט אַלע ביכער דערציילן פונעם דורכגעלעבטן גרויל און חורבן, פונעם פינסטערן איבערגעלעבטן מלחמה און היטלער־קאָשמאַר.

מלך טשעמני בוך „טעג אַזעלכע“ איז אין דעם פּרט נישט קיין אויסנאַם, דערציילט אויך דעם גורל פון 1939 מיט אַלע אירע פינסטערע גרוילן און איבערלעבונגען. מלך טשעמני איז אַ יונגער יידישער שרייבער און באַלד אין אָנהויב פון זיין בוך דערציילט ער אונז פון וואַרשע ערב דער מלחמה, פון טלאָמאַצקע דרייצן. ער שילדערט פאַר אונז די שטימונגס־געפילן וואָס האָבן געהערשט צווישן יידישע שרייבער אינעם ליטעראַטן־פאַריין אויף טלאָמאַצקיע 13, ווען די מלחמה־וואָלקנס, ערב דעם בלוטיקן מבול, האָבן געהאַנגען איבער פּוילן.

דאָס בוך „טעג אַזעלכע“ נעמט אין זיך אַריין 10 דערציילונגען מיט אַן אַריינפיר וואָרט פונעם מחבר. אין אַריינפיר וואָרט „יהי זכרם ברוך“, פירט טשעמני דעם לייענער אַריין אינעם וואַרשעווער יידישן ליטעראַטן־פאַריין, פירט אים צו צו אייניקע טישלעך פון יידישע שרייבער און קינסטלער, וואָס זיינען שוין געווען פאַרזאָרגט און בעאומריקט פונעם אָנטראַגנדן זיך שטורעם.

אינעם אַריינפיר־וואָרט פילט זיך אַ שטיקל פאַרביטערקייט פונעם מחבר, ווען ער זאָגט, אַז אין די לעצטע חדשים פונעם ניין און דרייסיקסטן יאָר, „האָבן אַ טייל פון די שרייבער־פּליטים געוואָלט פאַרבלייבן נאָר אַליין, אַליין — און די איבעריקע פאַרטרייבן, ממש אויסרייסן זיי....“

„טעג אַזעלכע“ דערציילן פון וואַרשע פון פאַר דער מלחמה, יידיש וואַרשע מיט איר אַמאָליקן אָרט לעבן ביז די היטלער־שלאַנג איז אויף איר אַרויפגעפאַלן. מלך טשעמני שילדערט דאָ פאַר אונז בילדער פון אַמאָליקן לעבן, פון דער פרידלעכער יידישער סביבה — און שפּעטער די צייט פון מלחמה, היימלאָזיקייט, שרעק, פאַרשיקונגען, קאַצעטן און באַפרייאונג — אַ פּאַראַלעל ביז דער צייט פונעם לאַגער־לעבן אין דייטשלאַנד מיט די וואַנדערונגען פון די מעפּילים. דער מחבר באַנוצט דאָ זיין אייגנאַרטיקן נוסח און סטיל, קורץ געפּאַסטע אויסדרוקן און ווערטער, מאַנכעס מאָל קאַרגט טשעמני מיט ווערטער, אָבער קיין חסרון איז עס נישט.

די דערציילונג „ אַ טאָג אַזאַ“ לייענט זיך מיט באַזונדערן אינטערעס, עס קומט דאָ צום אויסדרוק אַ רעליגיעזער חשבון־הנפש, איבערלעבונגען פון אַ געוועזענעם ישיבה־בחור, וואָס איז געוואָרן אַן „אויפגעקלערטער“ און שטאַרבט אין געטאָ. פאַרן טויט דערפילט יענער ישיבה־בחור, אַז ער איז



געבליבן שולדיק אַ חוב, ער האָט געזינדיקט, יידן האָבן געזינדיקט... דער מחבר פירט אויס, אַז „פיל יידן האָבן טיף אין זיך, מקנא געווען יענעם ישיבה־בחור, אים מקנא געווען דערפאַר, וואָס ער האָט געלעבט מיט אַן אַנדער וועלט, אַ וועלט אַ חסר־דעה׳דיקע — אַ וועלט מיט משונה׳דיקע געדאַנקען, וועלכע זיינען בכח צופאַרטרייבן פון זיך די שרעק, פאַרן אומקום פון תליונס האַק.“

אין דער דערציילונג „פאַרצווייפלונג“ ווערט געשילדערט אַ יידישער יונגערמאַן פון אַריבער די צוואַנציקער יאָרן, וואָס קערט זיך צוריק אַהיים, נאָכן דורכמאַכן דעם גאַנצן גרויל און פּיין. דער יינגער ייד איז פול מיט בענקשאַפט נאָך זיין שטעטל, זיין היים, זיינע עלטערן, משפּחה. אָבער די טרויעריקעווירקלעכקייט קומט אים אַנטקעגן. דאָס שטעטל איז איסגעליידיקט פון יידן, די גאַסן זיינען אויסגעברוקירט פון יידישע מצבות, ער לייענט אַרונטער פון זיי בעקאַנטע נעמען, פון נאָענטע. ער דערנעענטערט זיך צו זיין היים. ער קומט אַריין אין זיין שטוב, נישטאָ קיין זכר פון זיינע, גוישע בליקן באַגעגענען אים. זיין היים איז מער נישט זיינע, די גויים ווייזן אים אָן אויפן אָרט, וווּ די יידן פון שטאָט זיינען אומגעבראַכט געוואָרן, אַז דאָרטן איז זיין היים, ווערט ער אויסגעלאַכט. דער ייד ווערט אויפגערעגט און רייסט זיך נקמה נעמען, עס קומט צו אַ בלוטיקן געשלעג, דער צוווייטאַקטער יינגער ייד אַנטלויפט ער פון שטעטל, פון זיין היים, פון טאַטע־מאַמעס אָנגעהאָרעוועטער פּראַצע, אַנטלויפט מיט אַ קללה אויף די ליפּן אין דער ווייטער פרעמד. נעמט נקמה פאַר זיין טאַטן, מאַמען, אַ שטעטל יידן... לסוף אַ צעבלוטיקטער

דער מחבר באַנוצט זיך אין זיינע שילדערונגען מיט אַ קלאָרע און פאַרשטענדלעכע שפּראַך, מאַנכעס מאָל פילט זיך אין טשעמניס „טעג אַזעלכע“ אַביסל דער זשאַנער פון א. קאַגאַנאָווסקיס שטימונגען פון געסל. אין אַלגעמיין גענומען האָט מלך טשעמניס שרייבן מעלות פון אייגנע קינסטלערישע פאַרטיפונג, וואָס קומען אַלס רעזולטאַט פון איבערגעלעבטע מאָמענטן און ביטערער דערפאַרונג.

---

## מ. אַלמאַן

# אַ ביסעלע פּאָלעמיק

צוויי אַרטיקלען אין „לשון און לעבן“ פון מערץ ה. י. האָבן צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט: „נייע זשורנאַלן“ — אַן איבערבליק פון דר. י. י. מייטליס און — „וואָס איז צו טאָן“ פון י. ביעטש.

דר. י. י. מייטליס קוויקט זיך אין זיין אַרטיקל מיט „די גאָלדענע קייט“, וואָס דערשיינט אין ישראל אַלע דריי חדשים און מיט דער נייער צייטשריפט „ישראל“. ער פּרוווט דערביי גלייך אין אַריינפיר פאַרזיכערן, אַז אין מדינת ישראל פאַרפאָלגט מען נישט יידיש, נאָר מען פלעגט די שפּראַך.

פרעגט זיך: צי דאָס דערשיינען פון צוויי צייטשריפטן אין דער יידישער

שפּראַך איז שוין אַ באַווייז אַז מען פלעגט די שפּראַך? אפשר וואָלט דר. מייטליס געקענט אָנווייזן אַ מיטלשול, אָדער הויכשול אין ישראל, וועלכע באַנוצט זיך מיט די דאָזיקע זשורנאַלן צוליב דערציערישע טעמים? אָדער סתם אַ שול אין ישראל וווּ מ׳לערנט די קינדער יידיש, כדי זיי זאָלן קענען שפּעטער לייענען אַ יידישן זשורנאַל.

פאַר וועמען זשע דערשיינען אין ישראל צייטשריפטן אין דער יידישער שפּראַך?

דער חשובער דר. י. י. מייטליס האָט זיך נאָך אַ יאָר וואַרטן דערמאָנט, אַז ס׳איז פאָרגעקומען אין ניו יאָרק אַן אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס און אַז אין רעזולטאַט פון אָט דעם קאָנגרעס „הייבן זיך איצט שוין אָן צו באַווייזן קליינע, באַשיידענע, אָבער געלונגענע אָנהייבן פון אַן אָרגאַניזירטער און קאָאָרדינירטער קולטור־טעטיקייט, לכל הפּחות אין ניו יאָרק גופא״.

אויף דעם האָט מען געוואַרט אַ יאָר צייט, כדי צו הערן פון אַ דעלעגאַט צום דערמאָנטן קולטור־קאָנגרעס, אַז ס׳האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ יידישע קולטור־טעטיקייט אין... ניו יאָרק?!

און וווּ איז ענגלאַנד, לאָנדאָן?

יאָ, לאָנדאָן פרעגט זיך: „וואָס איז צו טאָן?״ לאָנדאָן שרייט, דורכן חשובן י. ביעטש: „מיר שטייען אויפן שוועל פאַר אַ קאַטאַסטראָפע, אַז דער יידישער ישוב גרייט צו אַן אומווירדיקן טויט פאַר יידיש־לשון, אַ קבורת־חמור פון דער יידישער ליטעראַטור״. איז עס אַן אויפריכטיק געשריי, אָבער די רפואה, וואָס י. ביעטש פאַרשרייבט איז, לויט מיין מיינונג, אַזוי פיל ווערט, ווי דאָס ראַטעווען אַ טויטן מיט באַנקעס...

איר ווילט האָבן יידיש אין ענגלאַנד דורך שאַפן אַ חברה „פריינט פון יידיש לשון״? צווישן יידן דאַרף מען ערשט דאָ זוכן פריינט פון יידיש? דער ייוואָ אין ניו יאָרק האָט שוין עטליכע מאָל באַריכטעט, אַז ער האָט באַוויזן צו געפינען פריינט פון יידיש אפילו צווישן נישט־יידן!

גלויבט איר טאַקע, אַז דורך „לשון און לעבן״ וועט איר געווינען די יידישע פאַרענגלישטע יוגנט פאַר די יידישע קולטור־אוצרות?

לויט מיין מיינונג דאַרף דאָ געמאַכט ווערן אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דעם אופן פון צוריק אַריינברענגען דאָס לעבעדיקע יידישע וואָרט אין די יידישע היימען. די איצטיקע צייט איז גאַנץ פּאַסיק פאַר דעם נייעם שטויס צוריק צו יידיש. די אויסרעכענונגען אויף אַ קיבוץ גלויות אין ישראל זיינען דערווייל אָפּגעלייגט געוואָרן. די העברעאישע שפּראַך פאַרקאָנקורירט נאָך אַלץ נישט די פרעמדע לאַנד־שפּראַכן אין די יידישע היימען. אדרבה, צוליב דער פאַרמאָדערניזירונג פון העברעאיש ליידט אפילו דאָס לשון קודש פון חומש און סידור. ווי אַזוי זשע קען אַ פאָלק לעבן מיט אַן אויסגעבאָרגטער, ביי די שכנים, שפּראַך? דאַרף מען דעריבער, כדי צו פילן זיך ווי אַ מיטגליד פון דער יידישער וועלט־משפּחה, קענען און באַנוצן זיך מיט יידיש.



כדי צוריק אויפצולעבן יידיש אין ענגלאַנד דאַרף אין דער ערשטער ריי געשאַפן ווערן אַ קולטור־אוניע מיט פראַנקרייך, וווּ ס׳וועט דערווייל פול געטון פאַר דער יידישער שפּראַך; וווּ ס׳לעבן יידישע שרייבער; וווּ ס׳געפינען זיך יידישע דערציונגס־אַנשטאַלטן; וווּ ס׳וועט אויסגעהאַלטן אַ סעמינאַר אויף צוצוגרייטן יידישע לערער.

צוליב וואָס אַזאַ אוניע?

ס׳איז נויטיק אַ בלוט־טראַנספוזיע.

קיין ענגלאַנד דאַרפן איינגעלאַדן ווערן, אויף אַ טור איבערן לאַנד, די קולטור כוחות פון פראַנקרייך, און די היגע קולטור־טוער וואָלטן שפּעטער איינגעלאַדן געוואָרן קיין מערב־אייראָפּע (קאָנטינענט).

דאָס אייראָפּייאישע ביוראָ פון יידישן קולטור־קאָנגרעס וואָלט באַרופן געווען צו דערפירן צו אָט דער אוניע.

ס׳דאַרפן אויסגעפועלט ווערן ראַדיאָ־אוידיציעס אין יידיש אין לאָנדאָן און אין פּאַריז. ביי זיך אין שטוב וואָלטן יידן זיך נישט געשעמט מיט יידיש, און אויב די אוידיציעס וואָלטן ווי געהעריק צוגעגרייט געוואָרן, וואָלט יידיש באמת אַריינגעדרונגען אין די יידישע היימען. פאַרשטייט זיך, אַז יידישע אוידיציעס מיינט מען נישט בלויז „זאָגן״, נאָר ס׳זאָל זיין „צו זינגען און צו זאָגן״. און דאָס קען ווידער ווערן בשותפות מיט פּאַריז.

נאָכן אַדורכפירן דאָס אויבנדערמאָנטע דאַרף צוגעגרייט ווערן אַ קאָנגרעס פון דער קולטור־אוניע, אויף אויסצואַרבעטן אַ פינאַנס־פּלאַן און אַ פּלאַן פון אַריינדרינגען מיט יידיש אין די הדרים, צוגאָב־שולן פון די קאָנגרעגיישאָנס און אַנדערע דערציאונגס־אַנשטאַלטן.

יידישע לערער ווערן עדוקירט אין פּאַריז, זאָל לאָנדאָן צוגרייטן שולן.

אין פּלאַן פון דער קולטור־באַנייאונג דאַרף אויך אַריינגענומען ווערן דאָס יידישע טעאַטער. אַלע, באַוווּנטע דורך יידן, ערטער דאַרפן פון צייט צו צייט באַזוכט ווערן דורך יידישע אַקטיאָרן, אָן שום ריזיקע פאַר די לעצטע. וועט פאַרשפּאָרן אַ יידישער שרייבער פון טעאַטער־פּיעסן קומען מיט פּאָרשלאַגן, וואָס צילן אונטערצוגראָבן די עקזיסטענץ פון יידישן טעאַטער. געמיינט דאָ דעם פּראָיעקט פון שאַפן אַן ענגליש טעאַטער פאַר יידן („דזשואיש קראָניקל״).

אַז ס׳וועט זיך רירן דאָס אייז פון יידישן קולטור־לעבן דאָ, וועט שוין במילא ווערן אַ נאָכפראַגע אויף אַ יידיש בוך, צייטונג און צייטשריפט און דער פינאַנס־פּלאַן וועט שוין באַריקזיכטיקן אויך „לשון און לעבן״.

אַזוי שטעל איך זיך פאָר, בקיצור, דעם פּלאַן פון אויפלעבן יידיש אין ענגלאַנד.

ס׳דאַרף אָבער נישט בלייבן בלויז ביים פּלאַן. איך גלויב, אַז באַרופענע אויטאָריטעטן וועלן דעם פּלאַן אַנאַליזירן און טאַקע דערפירן דאָ צו אַ באַנייאונג פון יידיש.

## ברוך שעפנער אין לאנדאן

דער באַוווסטער זשורנאַליסט, מיטאַרבייטער פון „פאָרווערטס“ אין ניו־יאָרק און ליטעראַטור־קענער ברוך שעפּנער וועט אויף זיין רייזע איבער איי־ראָפּע באזוכן לאָנדאָן דעם 16־טן אַפּריל ה.י. און האלטן אַ פאָרלעזונג דעם זעלבן טאָג אין לאָקאַל פון ארבעטער רינג, 4 אַזייגער נאָכמיטאָג אויף דער זייער אקטועלער טעמא: דער וועג פון שלום אש (פון „שטעטל“ ביז דער „הייליקער מוטער“.

די אלע וועמען ס׳איז טייער די יידישע ליטעראַטור וועלן זיכער נישט אַדורכלאָזן די זעלטענע געלעגענהייט צו הערן אַ גוטע יידישע פאָרלעזונג פון אמת׳ן קינסטלער פון וואָרט און האָבן אַ נחת רוח.

* * *

שבת, שושן פורים, האָבן מיר געהאַט דעם כבוד צו באַגריסן אין אונזערע רייען אַ גאַסט פון ישראל, גברת ברכה אַקסעלראד. אויף איינעם פון אונזערע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס, איז ברכה אַקסעלראד אַרויסגעטראָטן פאר אַ פול־געפּאַקטן זאל און געזונגען ארץ־ישראל׳דיקע לידער. איר זינגען האָט שטארק באַגייסטערט דעם עולם און זי איז האַרציק באַדאַנקט געוואָרן פאַר איר פיינעם בייטראג.

* * *

„פריינט פון יידיש לשון“ ווינטשן דעם יידישן קולטור טוער, יעקב סערעס צו זיין זעכציק יאָריקן געבוירן טאָג, לאנגע יאָרן פון פרוכטבארע אַרבייט פארן שיינעם יידישן וואָרט.

* * *

### רעדאקציע נאטיץ

דער דיכטער א. נ. שטענצל, רעדאַקטאָר פון „לשון און לעבן“ איז אָפּגע־פאָרן קיין ישראל עולה רגל זיין קיין ירושלים און וועט בקרוב צוריקקומען מיט פריש באַנייטע כוחות פאָרטצוזעצן זיין יידיש קולטורעלע אַרבייט אַזוי ווי תמיד.

---

### מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין בערנארד־באראן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 8־טן אפריל, די טראדיציאָנעלע פסח־און פרק פייערונג.

שבת, דעם 15־טן אפריל, שלמה אויערבאך: דער נייער צוגאנג צו פרצעס שאַפונגען.

שבת, דעם 22־טן אפריל, די פייערונג פונם געטאָ־אויפשטאנד אין ווארשע.

שבת, דעם 29־טן, ל״ג בעומר אין דער יידישער ליטעראטור. משה עובד וועט לייענען שפרה ווערבערס קינדער־פּאָעמא: „ניסעלעס טרער“.



„די צייט“

געגרינדעט אין 1913 פון

מאררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג

אין ענגלאנד.

(בשעת דער מלחמה —

די איינציקע אין אייראָפּע.)

די סוף־חודש זונטיקס פון

„פריינט פון יידיש לשון“ ביי „בן־אורי“

זונטיק דעם 30 אַפּריל

אין לאָקאַל פון

„בן-אורי“ קונסט גאלעריע

14 פּאָרטמען סטריט וו.1.

די יידישע שרייבער

אין לאנדאן

י. ביעטש און נעט רובין וועלן לייענען

אריינפיר וואָרט — א. נ. שטענצל

איינטריט פריי פאַר מיטגלידער!

1 שילינג פאַר נישט מיטגלידער

### באגריסונג

מיינע בעסטע ווונשן און ברכות דעם ליבהאָבער פון אונזער יידיש־קודש און באַוווסטן לאָנדאָנער כלל־טוער מר. יעקב סערעס צו זיין יובל־הששים.

—ס. פאַלמע.

---

איך ווינש מיין חשובן פריינד הרב דוב ווארשאווסקי, דעם שרייבער און קריטיקער, און פאמיליע, מזל און ברכה צו זיין נסיעה קיין אַמעריקע. עלה וצלח.

צבי ארנשטיין.

„אין חדר אריין“ 5/-

„אין זכות פון די טעג“ 3/6

„די גאולה שעה“ (אַ וויזיע) 5/-

פון

משה עובד

צו באקומען ביים מחבר:

MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1

עפענטליכע ביבליאָטעקן באקומען דאָס בוך פריי

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 5 (העפט 124) עלפטער יאַרגאַנג מאַי 1950 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

צפת די שטאָדט פון מקיבולים...................זכריה הערשמאַן 1
צווישן צוויי וועלטן...................................לעאָ קעניג 4
ס'ווילט זיך זינגען.....................................ס. פאַלמע 7
דער טשאַרטקאָווער „שבתי צבי"......................צבי אַרנשטיין 8
„אונזערס".............................................א. מ. פוקס 13
דריי און צוואַנציק יאָר................................משה עובד 16
ג. שאַפּמאַן — מייסטער פון דער קורצער דערציילונג אין דער ניי
העברעאישער ליטעראַטור.........................אפרים טויבנהויז 17
מיין נעכטן..............................................ס. פאַלמע 18
לאַך ברודער, לאַך......................................י. ל. פיין 20
קאַראַוואַנען..........................................אריה שדמי דן 21
רייזע איינדרוקן פון קאָנטינענט....................יוסף הלל לעווי 28
פּרץ, נעכטן און היינט.............................אליהו פאַלושאַק 32
כ'האָב געחלומ'ט...................................משה יעקב קליפער 37
אימפּראָוויזאַנטע י. ל. פּרץ פייערונג.......................י. ביטש 37
דער דערנער־וועג פון אַמאַליקן חדר..................פּאול טרעפּמאַן 40
אָפּקלאַנגען..................................................ק...44
א. מ. פוקס איז עולה קיין ישראל................................47
קולטור ידיעות און מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס 48

**פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**

אבאָנענטס־פּרייז: —19/6 פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר אַ יאָר
1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער

*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

**CAMEO CORNER**

**ALMANAC OF JEWELS**

exhibited monthly in the main window

*January* *Renaissance Jewellery.*
*February* *Boxes.*
*March* *Sculpture by Mosheh Oved.*
*April* *Curios.*
*May* *Stuart Jewellery.*
*June* *Children's Jewellery.*
*July* *Cameos and Intaglios.*
*August* *Georgian and Victorian Jewellery.*
*September* *Antique Jewish Ornaments.*
*October* *Oriental Jewellery.*
*November* *Precious and semi-precious Stones.*
*December* *Devotional Jewels and Christmas Presents.*

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**
*Museum* 0401
CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*Manufacturers of*
*Knitted Goods and Sportswear*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 50, Philpot St., London, E.1
***Printed in England by the Narod Press,* 129-131 *Cavell St., London, E.*1**